# ספר

# נפלאות הבעל שם

דָא ווערְט דֶערצֵיילְט זֵייעֶר שֵׁיינֶע און וואוּנְדֶערְבַּארֶע גֶעשִׁיכְטֶעס. וָואס הָאט זִיךְ פַּאסִירְט מִיט דֶעם גֶעטְלִיכֶען מַאן. זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דִיא גֶעשִׁיכְטֶעס זֶענֶען וַואהְרֶע אִין רִיכְטִיגֶע.

עֶס אִיז זֵייעֶר נוּצְלִיךְ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל זֵייא לֶעזֶען. צוּ זֶעהֶן זֵיין גְרוֹיסֶע חָכְמָה וִויא מֶען קָאן קוּמֶען דוּרְךְ תּוֹרָה וּמִצְוֹת צוּ אַזוֹי אֵיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵגָה וִויא דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זצ"ל אִיז גֶעקוּמֶען. וָואס זֵיין נָאמֶען אִיז בֶּעווּסְט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

15

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

# נפלאות הבעל שם

## א ווינדערליכע מעשה פון בעל שם טוב הקדוש וואס דער רבי ר׳ אברהם יהושע העשיל מאפטא האט דערציילט.

דער בע״ש הקדוש איז אמאהל׳ געפאהרען מיט זיינע תלמודים און וועג איז ער דורך געפאהרען דורך אדארף לעבען בראד און איז דארט איינגעשטאנען ביי ארענדאר · דער ארענדאר האט איהם אויף גענימען בכבוד גדול און ער האט גימאכט פאר זייניט וועגען אסעודה · איידער דער בע״ש איז אוועק געפאהרען האט ער געזאגט דעם ארענדאר זאג וואס די פערלאנגסט פון מיר · האט איהם דער ארענדאר גיענטפערט אדאנק השי״ת עס פעהלט מיר גאר ניט · איך האב פון אייך גאר ניט וואס צו בעטען · האט איהם דער בע״ש געזאגט איך וועל פון דיר עפיס פערלאנגען די זאלסט מיר ניט אבזאגען · האט איהם דער ארענדאר גיענטפערט איך בין גרייט אייך צו בעדינען מיט מיין גוף און מיט מיין געלד האט דער בע״ש זיך אנידער גיזעצט ביי דעם טיש און האט אבגעשריבען אבריף און האט איהם פערקלעבט און האט אהנגעשריבען דער אדרעס לק׳ בראד להפרנסי החודש מו״ה ... והרבני מו״ה ... און האט גענעגעבען דעם בריף דעם ארענדאר און איהם געבעטען אז ער אליין זאל דעם בריף איבער געבען · דער ארענדאר האט גענימען דעם בריף ביי דעם בע״ש און האט איהם ארייין געלייגט און בוזעם קעשינע אריין · דער בע״ש האט געזאגט אז איך וויל שוין אוועק פאהרען מסתמא ווערסטו מיך פאהרען בעגלייטען ? דער ארענדאר איז גיך געלאפין און קאמער אריין נעמין די פערד אזוי ווי ער האט זיך אראב געבויגען צום קעסטיל ארויס נעמען די שטריק האט ער ארויס געלאזט פון בוזעם דעם בריף און ער האט ניט בעמערקט. ער האט איינגעשפאנט די פערד און האט בעגלייט דעם בע״ש און איז צוריק געקומען און האט פערגעסען פון בריף און אצייט ארום איז ער געוועזין ביי דעם בע״ש דער בע״ש האט איהם גאר ניט גיפרעגט אודות דעם בריף ;

עס

עס איז פערבײַ געגאנגען אצײַט און דער בע"ש הקדוש איז נפטר געווארען

אין דער ארענדאר איז ארים געווארען און ער האט פערקויפט אלעס וואס ער האט געהאט דאס איז געוועזען זיבצען יאהר נאך דעם בעל שם'ס פטורה. דער ארענדאר האט געזוכט אפשר האט ער עפּיס נאך צו פערקויפען און האט אויס געלעדיגט דאס קעסטיל וואס דארט פלעגט ליגען די לייצען פון די פערד האט ער דער זעהן אויף דער דנאה פון קעסטעל דעם בעל שם'ס בריעף ער האט דער זעהן דעם בריעף ער האט דערקענט זיין הייליג כתב איז ער זייער דער שראקען געווארען און האט געזאגט ווייל איך האב ניט אבגעגעבען דעם בריעף האב איך זיכער געהאט אזא עונש דאך האט ער ניט געוואלט ספּינען דעם בריעף נאר ער איז גלייך געגאנגען קיין בראד. ער איז אריין געגאנגען אין בית המדרש אריין גלייך מיט אלע ארימע לייט. ער האט אהנגעהויבען זיך צו פרעגען אויף די פרנסי החודש וואס זענען געוועזען מיט צוואנציג יאהר צוריק און ער האט דערציילט און איין אלגעמיין די גאנצע מעשה דער זקן האט איהם גיענטפערט אז מיט צוואנציג יאהר צוריק איז ניט געוועזען אין בראד די פרנסים. ער האט גיפרעגט ביי אצווייטען ביי אדריטען זיי האבען איהם אלע געענטפערט אז זיי גידענקען ניט עס זאל האבען אמאהל געוועזען אין בראד אזעלכע פרנסי חודש. האט זיך איינער אהנגערופען מען מאכט היינט אגורל אויף נייע פרנסים אפשר וועלען ארויס קומען אזעלכע נעמען:

ווי זיי זענען אזוי גיזעסען און גירעדט זענען אריין געקומען צוויי יונגליך אין בית המדרש אריין און האבען דערציילט אז די און די זענען געווארען פרנסי ע"פ הגורל ער האט גיהערט אז די זעלבע נעמען וואס שטייט אויף דעם בעל שם'ס בריעף זיי זענען היינט געווארען פרנסי. ער האט פערשטאנען אז דאס איז ניט קיין פראסטע זאך ער האט זיך מתיעץ געוועזען מיט אזקן וואס ער זאל טוהן האט איהם דער זקן געזאגט אז ער זאל איבער געבען דעם בריעף צו די נייע פרנסים ער האט אזוי געטוהן און איז געגאנגען אין קהל שטיב אריין און האט געזאגט צו די פרנסי נאט אייך אבריעף פון בעל שם זיי האבען אהנגעהויבען צו לאכען זיי זענען אלט געוועזען לערך צו פינף און צוואנציג יאהר און פון בעל שם'ס פטורה איז שוין זיבצעהן ווי אזוי איז דאס מעגליך? זיי האבען איהם געזאגט די ביסט משוגע דער בע"ש איז שוין נפטר געווארען ציביצען יאהר ווי איז דאס מעגליך? ער האט זיי גיענטפערט עס איז מיר אויך אווינדער און האט זיי דערציילט די גאנצע מעשה איך וויל דעם בריעף ניט עפינען ווייל ער איז דאך צו אייך עפענט איהר איהם אפשר איז עפּיס דא אין איהם אתועלת. זיי האבען דעם בריעף גיעפענט און האבען איהם געלייענט להרבני מו"ה... ולהרבני מו"ה... פרנסי החודש ומנהיגי הקהלה

דק"ק

דק״ק בראָד אַז דער מוכ״ז וועט צו אייך קומען זאָלט איהר אייך משתדל זיין פער זיינע וועגען ער איז געוועזען כל ימיו אַ עושר און יעצט איז ער אָרים געוואָרען, ע״כ זאָלט איהר איהם אַ טובה טוהן ווייל איך בעט אייך. אַסימן האָט איהר אַז איך האָב אייך געשיקט דעם בריעף. אייערע ווייבער זענען מעוברה און תיכף וועט מען אייך קומען זאָגען אַבשורה אַז איינע האָט געהאַט אַיונגעל און די צווייטע אַ מיידעל. איידער זיי האָבין איבער געלייענט דעם בריעף איז מען זיי געקומען זאָגען מז״ט אַזוי ווי אין בריעף איז געשטאַנען יעדער איינער האָט זיך פערוואונדערט אויף דעם היילינגקייט פון בעש״ט און דער מענש איז רייך געוואָרין יעדער איינער האָט איהם געבען אַ שעהנע נדבה און די פרנסים האָבין זיך משתדל געוועזען פער זיינע וועגען און ער איז נתעשר געוואָרין:

## נאָך אַ וואונדערליכע מעשה פון בעש״ט הקדוש פון זיין נסיעה קיין ארץ ישראל.

דער בעש״ט האָט געוואָלט פאָהרען קיין ארץ ישראל איז ער געפאָהרען ביז קאָנסטאַנטינאָהל מיט זיין טאָכטער און מיט הרב ר׳ הירש סופר עס איז אויס געקומען דאָרט צו זיין פסח און ווייל קיינער האָט איהם ניט גיקענט האָט ער געליטען הונגער עס איז שוין געוועזען ערב פסח און ער האָט ניט געהאַט אַפילו איין פרוטה און ניט קיין מצות און ניט קיין וויין. ווען זיין טאָכטער האָט גיפרעגט וואָס וועט מען עסין יו״ט? האָט ער איהר גיענפערט השי״ת וועט אינז מזמין זיין. ער איז גיזעסען אַגאַנצע טאָג אין בית המדרש און גילערענט. פאַר נאַכט איז אָהנגעקומען אַ מענש פון פוילען און איז צו געפאָהרען און דער גאַס אַריין ווי דער בע״ש האָט געוואָהנט און האָט זיך גיפרעגט ווי וואָהנט דאָ ר׳ ישראל ב״ר אליעזר מפוילין מען האָט איהם געזאָגט אַז ער וואָהנט און דער גאַס. מען האָט איהם אַריין געוויזען צום בע״ש און שטיב אַריין. ער איז אַריין געקומען מיט זיין ווייב און ער האָט גיפרעגט דעם בעל שם׳ס טאָכטער צו ער וועט דאָ קענען זיין בעזאַמען מיט איהר פאָטער יו״ט ער האָט געהאַט מיט זיך אַלעס וואָס מען דאַרף אויף פסח כיד הגבירים. האָט זי איהם גיענטפערט מיין פאָטער איז און בית המדרש און איהר וועט דאָ קענען זיין יו״ט ער וועט ניט מקפיד זיין ער וועט בעשטעהן ער האָט געהייסען זיינע משרתים זיי זאָלען אַראָב נעמען פון דער פיהר אַלע פעק און מען האָט גיגרייט צום טיש מיט שעהנע כלים און צו געגרייט כל

צרכי

צרכי הסדר מצה שמירה . אַלֶעס און בֶּעסטֶען אָרדנִיג מֶען האָט אָהנגעֶצִינדעֶן גרויסֶע לִיכט און זיי האָבֶּען געֶוואַרט אויף דעֶם בעל שם טוב בִּיז עֶר ווּעֶט קומֶען פון דאַווִינֶען בּיינאַכט דעֶר בע״ש אִיז אַהיים געֶקומֶען פון דאַווִינען האָט האָט עֶר תיכף געֶמאַכט קידוש און האָט אָבגעֶרעֶכט דעֶם עֶרשטעֶן האַלבֶּען סדר דעֶר נאָך האָט עֶר געֶגעֶבֶּען שלום דעֶם אורח דעֶם גביר און האָט זִיך מִיט אִיהם געֶפריֵיט און האָט געֶזאָגט צוּ אִיהם אִיך ווייס צוּלִיעֶב וואָס די בִּיסט צוּ מִיר געֶקומֶען די האָסט נִיט קיין קִינדעֶר לכן ווייל די האָסט מִיך מחי׳ געֶוועֶזען שוועֶהר אִיך דיר אַז דיין ווייבּ וועט דיר געֶבּאָהרען אַזוהן דעֶר מעֶנש האָט זִיך שטאַרק דעֶרפריֵיט און האָט געֶזאָגט צים בע״ש אִיך ווּעל אייך אַוועֶק געֶבִּין אַהאַלב פעֶרמעֶגעֶן מייַנס אויב אִיך ווּעל האָבּעֶן אַזוהן . תיכף האָט דעֶר בע״ש גִיהעֶרט אַקרוּג בשמים אַז ישראל בן אליעזר האָט אָהנגעֶוואוּרעֶן זיין עולם הבאָ ווייל דעֶר מעֶנש אִיז געֶוועֶזען אַעקר בּטבע און דורך זיין שבועה האָט מעֶן בּעֶדאָרפעֶן משנה זיין די טבע האָט זִיך דעֶר בע״ש זייעֶר דעֶרפריֵיט און האָט געֶזאָגט יעֶצט ווּעל אִיך זִיכעֶר דִינעֶן צוּ השי״ת אָהן שום פניי אֲפילוּ לשם עולם הבא אויך נִיט (ווייל די צדיקים דִינעֶן גאָט בִּיט ווייל זיי ווּעֶלעֶן האָבּעֶן עולם הבאָ אַזוי ווי און פרק שטעהט „הוי כעבדים המשמשים את הרב שלא ע״מ לקבל פרס״ אִיהר זאָלט דִינעֶן גאָט נִיט ווייל אִיהר בעמט שכר דאָס הייסט וואָס אִיהר וועֶט האָבּעֶן עולם הבאָ נאָר מעֶן דאַרף דִינעֶן גאָט ווייל מעֶן האָט אִיהם לִיעֶב און צוּ דעֶם מעֶנש האָט עֶר געֶזאָגט אִיך האָב דיר צוּ געֶזאָגט וועט זִיכעֶר מקוים ווערעֶן אִין ווייל עֶר האָט זִיך געֶפריֵיט אַז עֶר וועֶט קענען דִינעֶן גאָט ב״ה אָהן אַשום פנויי האָט עֶר גִיהעֶרט אַכרוז בשמים אַז מעֶן האָט אִיהם צוּריק געֶגעֶבען אַלע זיינע זכיות . דער מענש אִיז בּיי אִיהם געוועזען די צוויי טעג פסח אִין אִיז אהיים געפאָהרען . מסתמא האָט ער אִיבּער געלאָזט דעֶם בע״ש אַסך געלד :

דָרִי דעֶר מעֶנש אִיז אַוועק געֶפאָהרעֶן האָט דעֶר בע״ש געֶזאָגט צוּ ר׳ הירש סופר אַז עֶר ווּיל אַריין פאָהרעֶן קיין ארץ ישראל אִין זעֶנעֶן געֶגאַנגעֶן צים ים האָבִּין זיי נִיט געֶטראָפען קיין שִיף האָט דעֶר בע״ש געֶזאָגט צוּ ר׳ הירש סופר אִיך ווּעל פעֶרשפּריֵיטעֶן מיין פאַטשיילע אויף דעֶם. ים אִין מִיר ווּעֶלעֶן זִיך אויף זעֶצעֶן אויף אִיהר אִין מִיר ווּעֶלעֶן פאָהרעֶן נאָר זאָלסט זיין נזהר צוּ טראַכטעֶן דעֶם שם זאָלסט אִיהם נִיט אַראָב לאָזעֶן פון דיין געֶדאַנק אֲפילוּ אַרגע טאָמעֶר ווּעסטו אָב לאָזעֶן דעֶם שם זענין מִיר אִין אַ סכנה . נאָר אִיך ווּיל פאָהרעֶן קיין ארץ ישראל מִיט מסירת נפש אויב די קעֶנסט דִיך דאָס אִינטעֶר געֶמעֶן קעֶנעֶן מִיר שוין פאָהרעֶן . ר׳ הירש האָט זִיך נִיט געֶוואָלט אִינטעֶר בעֶמעֶן עֶר האָט נִיט געֶוואָלט אייַנשטעֶלען דעֶם בע״ש מִיט דעֶר טאָכטעֶר אִין זִיך אִין אַסכנה. זיי האָבִּין געֶמוזט דִינגעֶן אַשִיף . אִין דעֶם עֶרשטעֶן טאָג חול המ״ער

פסח זענען זיי אַריין געגאַנגען אין דער שיף אַריין. האָט זיך באַלד געמאַכט אַשטורם ווינד אין האָט פערטראָגען די שיף פין וועג. צוויי טעג זענען זיי געפאָהרען אָהן אַ וועג. עס איז זיי זייער שלעכט געוועזען זיי האָבין שטאַרק תפלה געטוהן. אויף דעם דריטען טאָג זענען זיי געקומען צי איין אינזעל זיי זענען אַרויס געגאַנגען אויף דעם אינזעל אין זענען אוועק געגאַנגען ווייט פין דער שיף אין זיי האָבין ניט געוויסט דעם וועג צוריק צי געהן צי דער שיף זיי האָבין זיך אַרים געדרייט זיי האָבען גזיכט דעם וועג צי דער שיף. דער ווייל איז זיי בעפאַלען גזלנים וואָס זיי האָבין ניט פערשטאַנען זייער לשון. די גזלנים האבין זייא געבינדען אין זייא האבין גענימען שארפען מעססערס כדי זיי זאָלען זיי שחטין. דערווייל זענען די גזלנים הינגעריג געוואָרען אין האָבין זיך גיזעצט עסין. האָט ר׳ הירש געזאָגט צים בע״ש רבי וואָס שווייגט איהר אויף די זאַך? האָט איהם דער בע״ש גיענטפערט איך ווייס גאָר ניט וואָס צי זאָגען איך גידענק גאָהר ניט מען האָט ביי מיר צי גענימען אַלע כוחות אפשר גידענקסט די עפּיס? קאָנסטו די מיר זאָגין האָט ר׳ הירש געזאָגט איך האָב אויך אַלעס פערגעסין איך גידענק נאָר דעם אלף בית. האָט איהם דער בע״ש גיזאָגט זאָג מיט מיר דעם אלף בית. ר׳ הירש האָט אָהנגעהויבען צו זאָגען מיט דעם בע״ש דעם אלף בית. דער בע״ש האָט נאָך געזאָגט די ווערטער מיט גרויס התלהבות און ער האָט בעקומען צוריק זיינע מדריגות ווי פריהר פלוצלינג האָט מען דערהערט אַפייף פון אַקאַפּיטאַן וואָס איז אַהער געקומען מיט זעלנער כאַפין די גזלנים און האָט זיי אויף געבינדען און האָט זיי אַריין גענימען און אַ שיף אַריין און זיי זענען אַריין געקומען שבועי של פסח צוריק קיין קאַנסטאַנטינאָפּעל האָט דער בע״ש גיזעהן אַז מען לאָזט איהם מן השמים ניט פאָהרען קיין ארץ ישראל איז ער נאָך פסח צוריק אַהיים געפאָהרען זי״ע ועכי״א:

# אַ וווּנדערליכע מעשה פון בעל שם טוב הקדוש זצ״ל.

דער בעש״ט איז אַמאָהל אַרויס געפאָהרען פון דער היים דיענסטאָג פאַרנאַכט זיי זענען אַזוי געפאָהרען אַגאַנצע נאַכט און מיטוואָך אַגאַנצע טאָג זיי זענען אָב געפאָרען אַגרויסען מהלך אַזוי ווי מיר ווייסען אַז ער פלעגט אָב פאָהרען זייער ווייט און אַקורצע צייט. עס האָט קיינער ניט געוויסט די כונה פון זיין פאָהרען מיטוואָך האַלבע נאַכט זענען זיי אָהנגעקומען און איין דאָרף אַריין זיי זענען אַריין געפאָהרען צו איין אַרענדאַר נעכטיגען. דער אַרענדאַר האָט זיי ניט גיקענט ער האָט זיי גיפרעגט ווי זיי פאָהרען האָט איהם דער בע״ש גיענטפערט אַז ער

איז

איז א גרויסער בעל דרשן און ער האָט גיהערט אז און בערלין וועט פרייטאָג זיין אחתונה ביי אגרויסען גביר ע״כ פאָהר איך אויף דער חתונה. האָט דער ארענדאר צו זיי געזאָגט איהר מאכט מיט מיר לצנות פון דאַנען ביז בערלין איז מעהר ווי פיפציג מייל ווי אזוי וועט איהר אַהין אָהנקומען אויף שבת? האָט איהם דער בע״ש גיענטפערט איך וועל זיכער זיין אויף שבת אין בערלין ווייל איך האָב גוטע פערד דער אַרענדאַר האָט פון איהם געלאַכט דער בע״ש האָט אָבער געזאָגט אַז בלי ספק וועט ער זיין אין בערלין אויף שבת. האָט זיך דער אַרענדאַר מיישב געווען איך דאַרף צו פאָהרען צוואָנציג מייל פון ד[...]בען האָט ער געזאָגט צום בע״ש איך דאַרף צו זיין אין בערלין אפשר וועט איהר מיך אויף נעמען אויף אייער פיהר ער האָט ביי זיך געטראַכט דער בעל דרשן וועט דאָך זיכער ניט אָהנקומען קיין בערלין אויף שבת אפשר וועט ער קענען אָהנקומען אויף שבת ביז צו דעם אָרט וואָס ער ברוכט דער בע״ש האָט איהם גיענטפערט אַז ער וועט איהם מיט נעמען:

דאָנערשטאָג אין דער פריה האָט זיך דער בע״ש ניט געאיילט. ער האָט זיך געלאַסען אָבגעדאַווינד און האָט זיך געהייסען קאָכען אָהנבייסען. דער אַרענדאַ האָט איהם גיפרעגט איהר דאַרפט דאָך פאָהרען אַזאָ וויטע רייזע און איהר איילט אייך גאָהר ניט האָט איהם דער בע״ש גיענטפערט זאָרג ניט מיר וועלין מאָרגען און דער פריה זיין און בערלין די זאַך איז ביי דעם אַרענדאַר געוועזען אַווינדער ער האָט געזאָגט ער מיז מיט פאָהרען און זעהן וואָס דאָ וועט זיין. דאָנערשטאָג פאַרנאַכט האָט דער בע״ש געהייסען איינשפאַנען די פערד און זיי האָבען זיך אויף גיזעצט און זענען געפאָהרען אַגאַנצע נאַכט אַזוי ווי עס איז טאָג געוואָרען האָט ער זיך אומגעקוקט האָט ער אַרויס געזעהן די הייזער פון בערלין דער אַרענדאַר האָט זיך געווינדערט זיי זענען אַריין גיקומען קיין בערלין גאַנץ פריה. דער בע״ש איז איינגעשטאַנען אויף איין אַכסניאָ וויים פון דעם גביר וואָס האָט חתונה געמאַכט. צוועליף אַזייגער איז גיוואָרין אַרעש און שטאָדט דיא כלה איז פער חלשת געוואָרען און מען קען זי ניט דערמינטערין בשום אופן אַלע דאָקטוירים האָבען זי מייאש געוועזען. דער וואָס איז געקומען מיט דעם בע״ש איז געלאָפען זעהן וואָס עס טהוט זיך ביי דעם גביר ער האָט געזעהן ווי די כלה ליגט טוידט און דער פאָטער דרעהט זיך אום אין שטיב און וויינט איז ער צו געגאַנגען צום מחותן און האָט איהם געזאָגט איך בין היינט גיקומען קיין בערלין מיט אַבעל דרשן אַווינדערליכער מענש און ער האָט איהם דערציילט די וויטע רייזע וואָס זענען אָבגעפאָהרין און דער איינער נאַכט רופט איהם אַהער און זאָגט איהם צו אַז איהר וועט איהם גוט בעלוינען אפשר וועט ער קענען היילין אייער טאָכטער. ווייל ער האָט געזאָגט אַז ער איז אבקי ברפואות. דער גביר איז תיכף געלאָפען צום

בע״ש

בע״ש און האָט איהם געריפען צו זיך. דער בע״ש איז מיט איהם געגאַנגען און די כלה איז תיכף דורך זיין תפלה געזינד געוואָרען און ער האָט שוין געהאַלטען שבת און בערלין און תיכף נאָך שבת איז ער אַהיים געפאָהרען בכבוד גדול אַלע מענשען פון שטאָדט זענען איהם געגאַנגען בעגלייטען:

דער בע״ש איז אַוועק געפאָהרען פון בערלין און איז געפאָהרען דריי טעג רצופים דיענסטיג ביינאַכט זענען זיי אַריין געקומען און אַ דאָרף אַריין צו אַקרעטשמי דער בעל הבית פון דער קרעטשמי האָט ניט געקענט דעם בעל שם טוב הקדוש זיי זענען אַריין געקומען און האָבין גיפרעגט דעם בעל הבית צו זיי וועלען קענען ביי איהם נעכטיגען? ער האָט זיי גיענטפערט ניין! זיי האָבען גיזעהן אַז דער בעל הבית איז זייער טרויריג און עס ברענט זיך אַסך ליכט ביי איהם און שטיב. דער בע״ש האָט איהם גיפרעגט וואָס ער איז אַזוי צורידערט און פאַר וואָס עס ברענט זיך ביי איהם אַזוי פיהל ליכט? האָט איהם דער בעל הבית גיענטפערט וואָס וועט שוין זיין אַז איהר וועט וויסען וועט איהר דען מיר קענען העלפין פון מיין אומגליק וואָס האָט מיך געטראָפין, אַזאַ אומגליק וואָס האָט מיך געטראָפען האָט נאָך קיינימען ניט געטראָפען דער בע״ש האָט איהם מפציר געוועזען ער האָט איהם דערציילט אַז די נאַכט איז ביי איהם אַ וואַך נאַכט מאָרגען דאַרף ביי איהם זיין אַברית. און דאָס פינפטע יונגעל וואָס אַזוי ווי עס קומט האַלבע נאַכט און דער וואַך נאַכט שטאַרבט דאָס קינד אָהן אַ שום שלאַפקייט יעצט איז שוין ניין אַזייגער האָב איך מורא עס זאָל ח״ו דעם קינד ניט טרעפען גלייך ווי אַלע קינדער. האָט איהם דער בע״ש געזאָגט די זאָלסט גאָר ניט קיין מורא האָבען גרייט דיך צו אויף מאָרגין צום ברית וואָרין איך בעש״ט בין דיך מבטיח אַז דאָס קינד וועט לעבען. עס איז פערביי געגאַנגען די נאַכט דאָס קינד האָט גילעבט מען האָט זיך צו גיגרייט צום ברית און מען האָט מכבד געוועזען דעם בע״ש ער זאָל זיין סנדק מען האָט דאָס קינד מל געוועזען כדת. נאָך דעם ברית האָט דער בעל הבית געבעטען דעם בע״ש ער זאָל וואַרטען אַ ביסעל ער וועט מאַכין אַ סעודה נאָר ער מיז פריהער געהן צום פריץ איהם טראָגען לעקעך ווייל דער פריץ איז זייער אַ שלעכטער מענש האָט ער פאַר איהם מורא. האָט איהם דער בע״ש צו געזאָגט אַז ער וועט וואַרטען. ווי דער בעל הבית איז אַריין גיקומען צום פריץ איז ער גילעגען אויף זיין בעט שלאַף מיט פיעל צייכענס אויף דעם פנים פון קלעפ. דער פריץ האָט איהם זייער שעהן אויף גענימען מעהר ווי שטענדיג און האָט איהם געפרעגט ווער איז דאָ ביי דיר? ער האָט איהם דערציילט אַז נעבין ביינאַכט איז צו איהם געקומען אַ יוד פין פוילין ער זעהט אויס אַ איש נכבד ער האָט מציל געוועזען מיין קינד פין טוידט. האָט איהם דער פריץ געזאָגט געה אַהיים און זאָג דיין אורח אַז איך

רוף

רופ איהם ער זאָל צו מיר קומען. דער בעל הבית איז אַ היים געגאַנגען מיט שרעק ער האָט מורא געהאַט אפשר וועט דער בע"ש עפיס ליידען פון דעם איז ער צו געגאַנגען צום בע"ש און איהם איבער געבעטין ער זאָל ביט בייז זיין אויף איהם און האָט איהם דערציילט אַז דער פריץ רופט איהם און דער בעל הבית האָט אַ עצה געגעבען דעם בע"ש אַז ער זאָל שיקען זיין משרת מיט תשובה צום פריץ דאָס ער האָט ניט קיין צייט ער דאַרף תיכף אַוועק פאָהרען:

דער בעש"ט האָט גיענטפערט דעם בעה"ב איך האָב גאָהר ניט קיין מורא פאַר איהם. תיכף נאָך דער סעודה איז דער בע"ש געגאַנגען צום פריץ. האָט דער פריץ געזאָגט צום בע"ש אויב דו ווילסט זיך פרובען מיט מיר אין כישוף ווער עס איז שטאַרקער וואַרט ביז איך וועל געזינד ווערען וועלען מיר זעהן ווער עס איז שטאַרקער (ווייל דער פריץ איז געוועזען אַ גרויסער מכשף און ער פלעגט מיט כשוף צו הרגנען דעם אַרענדאַרס קינדער) דער בע"ש האָט איהם גיענטפערט איך בעשטעה. נאָר יעצט מוז איך אַוועק פאָהרין אויף דעם טאָג ... זאָלסטו דיר איינזאַמלען דיינע חבירים און איך וועל איינזאַמלען מיינע תלמודים וועלען מיר זעהן ווער עס איז שטאַרקער. נאָר די זאָלסט וויסען אַז איך בין ניט קיין מכשף נאָר איך בין אַ באַהאַלטעניר מענש אַבע"ש איך האָב גאָר ניט קיין מורא פאַר כישוף. מען האָט בעשטימט אַטאָג וואָס זיי זאָלען זיך צו זאַמען קומען. דער בע"ש האָט איינגעזאַמעלט זיינע תלמידים און איז געקומען צו פאָהרען אויף דעם בעשטימטען טאָג, זיי זענען אַרויס געגאַנגען אויף אַפלאַץ דער בע"ש האָט געמאַכט אויף דער ערד צוויי קיילכיגע צייכענס און האָט זיך געשטעלט אין אינטערשטן צייכען און די תלמידים זענען געשטאַנען אין ערשטן צייכען דער בע"ש האָט אָהנגעזאגט זיינע תלמידים זיי זאָלען קוקען אויף זיין פנים אויב זיי וועלען זעהן אין זיין פנים אַהשתנות זאָלען זיי מהרהר בתשובה זיין און זאָלען ניט מסיח דעת זיין פון איהם קיין איין רגע דער פריץ מיט אַלע מכשפים האָבען זיך אויך געמאַכט אַצייכען און דער ערד און האָבען זיך אנידער געשטעלט אקייגען דעם בע"ש מיט זיינע תלמידים. דער פריץ האָט מיט כישוף אָהנגערייצט אויף דעם בע"ש ברענדיגע שלאַנגען און פיהל ווילדע חיות זיי זענען גיגאַנגען מיט אַ רעש אָפען די מיילער נאָר איינצושלינגען ווי זיי זענען צו געקומען לעבען ערשטען צייכען איז אויס זיי גאָר נישט געוואָרען אַזוי האָט דער מכשף געטוהן עטליכע מאָהל יעדען מאָהל אַנדערע מיני חיות אָהנגערייצט אויף דעם בע"ש און זיי האָבען ניט גיקענט מעהר צו געהן נאָר ביז צום ערשטען צייכין. נאָך דעם האָט דער מכשף זיך געשטאַרקט מיט אַלע קרעפטען און האָט אָהנגעשיקט אויף דעם בע"ש אַסטאַדע ווילדע חזירים און זיי האָבען געוואָרפען פייער פון זייערע מיילער און זיי זענען אַדורך געגאַנגען דעם ערשטען צייכען די תלמידים האָבען געזעהן אַ השתנות און בעל שם'ס פנים האָבען זיי מהרהר בתשובה

געוועזן

געוועזען און אַזוי ווי זייא זענען צו געקומען צום צווייטען צייכען איז פר־
זיי ניט געבליבען קיין זכר אַזוי האָט דער פריץ געטוהן דריי מאָהל און עס
האָט איהם גאָר ניט געהאָלפען. ווי דער פריץ האָט גיזעהן אַז ער קען מיט
דעם בע״ש זיך ניט קיין עצה געבען ער קען איהם גאָר ניט טוהן איז ער
צוגעגאַנגען צום בע״ש און איהם געזאָגט יעצט זעה איך אַז איך קען דיר גאָר
ניט טוהן יעצט מעגסטו מיך הרגנין וויל איך זעה אַז די קענסט מיך הרגנין
איך קען זיך ניט ווערין קייגען דיר. האָט איהם דער בע״ש געזאָגט איך האָב
דיר שוין געזאָגט אַז איך בין ניט קיין מכשף נאָר אַ בעל שם ווען איך זאָל
געוועזען ווענין וואָלסטו נאָך געוועזען טוידט דאמאָלס ביינאַכט ווען די האָסט
געוואָלט הרגנין דאָס קינד. נאָר איך האָב דיך געלאָזט לעבען כדי די זאָלסט
וויסען אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט אַז די מענשען וואָס זיי דינען
איהם באמת האָבין ניט קיין מורא פאַר קיין כישוף און כדי די זאָלסט זעהן
גאָטס כח און איך זאָל זיך ניט ביי דעם אָהנשטרענגין הייב אויף דיינע אויגען
צום הימעל ועסטו זעהן וואָס גאָט קען. דער מכשף האָט אַזוי געטוהן און
האָט אויף געהויבען די אויגען צום הימעל זענען צו געפלויגען צוויי פייגיל און
האָבען איהם אויס ניכעכערט ביידע אויגען און איז בלינד געוואָרען כן יאבדו
כל אויביך ד׳:

# אַוווּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ וָואס מֶען הָאט אִיהם מִן הַשָּׁמַיִם גֶעהֵייסֶען פָּאהֳרֶען אִין אֵיין דָארְף אַרֵיין זִיךְ לֶערְנֶען בֵּיי אַיוּד דִי מִדָה פִין בִּטָחוֹן:

דעם בעש״ט האָט מען געהייסען פאָהרען צו אַדארפס מאַן זיך פין איהם
לערנען די מדה פין בטחון דער בע״ש האָט מיט גענימען זיינע תלמידים
אין איז מיט זיי געפאָהרען אין דאָרף אַריין זיי זענען אַריין געפאָהרען צו
דער יוד ער האָט געהאט אַקרעטשמע. דער בעל הבית האָט זיי שעהן אויף
גענימען ער איז שוין געוועזען אַ איש זקן ונשוא פנים ער האָט זיך מיט זיי
געפרייד זיי האָבין זיך גישטעלט דאַווינען אין מוטען דאַווינען איז אַריין געקומען
אַשליח פין פריץ אין האָט געגעבען דריי קלעפ אין טיש אַריין מיט אַשטעקעי
אין איז אוועק געגאַנגען זיי האָבין ניט געוויסט אויף וואָס דאָס קלאַפען
בעדייט זיי האָבין געקוקט אויף דעם בעל הבית. ער איז אָבער געוועזין פריילך
אַזוי ווי פריהער. נאָך דעם דאַווינען איז ער וויטער אַריין געקומען אין וויטער
געגעבען

געגעבען דריי קלעפּ אין טיש אריין אין איז ווייטער אוועק געגאנגען אין דער בעל הבית האט זיך גאר ניט וויסענדיג געמאכט. דער בע״ש האט גיפרעגט דעם בעל הבית וואס די קלעפּ בעדייטען האט איהם דער בעל הבית גענטפערט אז דאס איז א סימן אז מען דארף היינט אריין טראגען די ראטע אין אויב נאך די דריטע דריי קלעפּ אז מען טראגט ניט אריין דאס געלד זעצט ער איין דעם ארענדאר מיט זיין בני בית אין תפיסה אריין. האט דער בע״ש געזאגט צים בעל הבית מיר זעהט אויס אז די האסט דאך דאס געלד איז דאך גלייכער די זאלסט געהן פאר דעם עסין אין מיר וועלעןווארטען מיט דעם עסין ביז די וועסט צוריק קומען האט דער בעה״ב גיענטפערט לע״ע האב איך אפילו קיין פרוטה נאר מסתמא וועט מיר השי״ת מזמין זיין מיר וועלען פריהער עסין אין נאך דעם וועל איך געהן צים פריץ איך האב נאך צייט דריי שעה זיי האבין זיך גיזעצט עסין אין האבין מאריך געוועזען ביי דעם עסין דערווייל איז אריין געקומען דער שליח פין פריץ אין ווייטער געגעבען דריי קלעפּ. דער בעל הבית האט זיך גאר ניט דער שראקען. אין האבען געלאסען אב געגעסען אין אב געבענשט נאך דעם האט זיך דער בעה״ב אהנגעטוהן די שבת דיגע מלבושים אין האט געזאגט יעצט וועל איך געהן אב טראגען דעם פריץ די ראטע. דער בע״ש האט איהם גיפרעגט צי ער האט שוין געלד? האט ער איהם גיענטפערט אז לע״ע האט ער ניט אפילו קיין פרוטה, נאר השי״ת וועט איהם מסתמא תיכף מזמין זיין אין איז גלייך געגאנגין צים פריץ דער בע״ש מיט זיינע תלמידים זענען געשטאנען אין איהם נאכגעקוקט זיי זאלען זעהן וואס עס וועט דא זיין:

דיי האבען געזעהן ווי ער געהט גלייך אין הויף אריין און עס איז איהם אקייגען געקומען א פיהר און די פיהר האט זיך אב געשטעלט און דער ארענדאר האט גירייד מיט דעם מענש פון דער פיהר נאך דעם איז ער אוועק גיגאנגין פון דער פיהר אין די פיהר איז ווייטער גיפאהרען און זיי האבען גוט גיזעהן אז ער האט ביי דעם מענש פון דער פיהר גאהר ניט גענימען נאך דעם האט זיך די פיהר ווייטער אבגעשטעלט און מען האט צוריק גערופען דעם ארענדאר און מען האט איהם געציילט געלד, דער ארענדאר איז זיך געגאנגען צום פריץ און די פיהר איז צו געפארען צו דער קרעטשמי. דער בע״ש האט גיפרעגט דעם מענש פון דער פיהר וואס ער האט גירעדט מיט דעם בעל הבית האט ער איהם גיענטפערט איך האב ביי איהם געדינגען יי״ש וואס ער וועט מאכין און קומענדיגען ווינטער, צום ערשטען האב איך זיך ניט גיקענט מיט איהם אויסגלייכען און האב איהם געלאזט ווייטער געהן נאר ווי איך האב געזעהן אז ער ראט זיך ביי זיינ׳ס האב איך איהם צוריק גערופען און האב איהם געגעבען וויפיעל ער האט געוואלט. האט דער בע״ש געזאגט צו זיינע תלמידים

זעהט ווי גרויס דער כח פון בטחון איז אַז דער וואָס פאַרזיכערט זיך באמת און השי״ת דעם העלפט ער. מיר זאָלען זוכה זיין געהאָלפען צו ווערען מיט אַ ישועה כללות בקרב אמן:

# דאָ ווערט דערציילט ווי אַ מענש ברויכט צו האָבען מדת הבטחון.

דער רבי ר׳ מכילע זאַלטשיבער האָט אַמאָהל געשטראָפט אַמענש פאַר וואָס ער האָט ניט קיין בטחון און גאָט ב״ה. דער מענש האָט זיך מתנצל געוועזען אַז ער פערזעכערט זיך און השי״ת. האָט איהם דער רב גיענטפערט אויב די ווילסט וויסען וואָס מען מיינט בטחון וועל איך דיך שיקען צו אַ איש פשוט און ביי איהם וועסטו דיך לערנען ווי אַזוי צו זיין אַבעל בטחון. דער מענש איז בעשטאַנען, און דער רבי האָט איהם געגעבען אויף הוצאות און איהם געהייסען פאָהרען קיין באַרדיטשוב צו אַ גביר און ער זאָל דאָרט זיין ער זאָל זאָגען דעם גביר אַז דער רבי האָט איהם געהייסען ביי איהם האָבען סטאַנציע און ביי איהם וועסטו דיך לערנען בטחון נאָר זאָלסט דיך גוט צו קוקען ווייל ער איז אַבעהאַלטינער מענש. דער מענש האָט אַזוי געטוהן און איז געפאָהרין קיין באַרדיטשוב אין איז אַריין געגאַנגען צי דער גביר. דער גביר האָט איהם שעהן אויף גענימען אין האָט איהם אָב געגעבען אַ בעזינדער חדר אין האָט איהם געזאָגט די קענסט ביי מיר זיין ווי לאַנג די דאַרפסט וועל איך דיר געבען אַללעס וואָס די פערלאַנגס דאָ? האָט איהם דער מענש גיענטפערט איך דאַרף דאָ זיין עטליכע טעג וועגען אַדבר נסתר וואָס דער רבי האָט מיך געשיקט. דער מענש איז געוועזען ביי דעם גביר אַ גאַנצע וואָך אין האָט גאָר ניט געזעהן. ער האָט געזעהן ווי ער פיהרט זיך ברייט אַזוי ווי עס פאַסט פאַר אַגביר אין ער האָט אַגרויסען מסחר אין אַלע טאָג קומען צי איהם מענשען מיט וועקסלין אין ער בעצאָהלט יעדערין צי דער צייט. דער מענש האָט זיך זייער און זייער געווינדערט. ער האָט ביי איהם נישט אָהנגעזעהן קיין שום מידה פין בטחון ער האָט געזעהן אַז ער איז אַ גרויסער עושר אין האָט פיעל משרתים אין אַ נאמן אין מען פיהרט דאָס געשעפט אויף אַ גרויסען אופן. נאָר איין זאַך האָט ער בעמערקט. ער האָט גיזעהן אַז אַלע שליסלין פין אַלע חדרים גיט ער איבער די משרתים נאָר איין שליסעל פין איין חדר האַלט ער אַליין

ער

ער גיט איהם ניט איבער קיינים · האט דער מענש גיפרעגט די משרתים וואס האלט דארט דער גביר אין דעם חדר וואס ער געטרויט ניט דעם שליסעל קיינעם ? האבין די משרתים גיענטפערט אז אין דעם חדר האלט ער זיין געלד און ער לאזט קיין שום מענש אהין ניט אריין געהן · און אויך האט דער מענש גיזעהן אז דער גביר איז אגרויסער בעל צדקה אז לויט זיין געדאנק צו טיילט ער מעהר וויפיעל ער פערדינט · דער מענטש איז ארום געגאנגען א גאנצע וואך מבולבל ער האט ביי זיך געטראכט וואס קען איך זיך דא אויס לערנען אמת דער גביר איז טאקע א גרויסע בעל בטחון אבער וואס קען איך זיך פון איהם אויס לערנען צו טיילען אזוי פיהל צדקה ווי אזוי איז מיגליך איך בין דאך א ארימאן און האב אפילו גיט קיין געלד פון מיינט וועגען אויף עסען :

דער מענש האט זיך ניט גיקענט איינהאלטין און האט געזאגט צו דעם גביר איך מוז אייך זאגען וואס איך בין צוא אייך געקומען · דער רבי האט מיך געשיקט צו אייך לערנען די מידה פון בטחון ע"כ בעט איך אייך איהר זאלט מיר זאגען דעם אמת ווייל פיהל יגיעה האב איך געהאט ביז איך בין געקומען צו אייך · דער גביר האט איהם אריין געפיהרט אין דעם פערשלאסענים חדר אריין און האט פערשלאסען די טהיר און האט איהם געזאגט קוק דיך איין און מיין חדר אין זיך גיט אין אלע בעהאלטינע ערטער דא איז מיין אוצר אין פון דעם אוצר בעצאהל איך אלע מיינע חובות אין די צדקות וואס די זעהסט וואס איך טוה · דער מענטש האט גיזוכט אין דעם גאנצען חדר ער האט נאר געזעהן אשטיהל מיט אטיש מיט אקעסטיל דער גביר האט גיעפענט דאס קעסטיל אין איהם געוויזען אז עס ליגט נאר בלויז וועקסלין אין א ביך פון צדקה. און האט איהם גיזאגט מיין בני בית רעכינען זיכער איך האב דא און דעם חדר אגרויסען אוצר וואס איך שעפ פון איהם געלד אבער באמת האב איך גאר גיט נאר מיין בטחון איז גרויס צו השי"ת אז איך דארף צו צאהלען אוועקסיל פערשליס איך זיך און דעם חדר און זאג רבש"ע כך וכך געלד דארף איך היינט האבען און איך פערזיכער זיך און דיר אז די וועסט מיר מזמין זיין און השי"ת איז מיר טאקי מזמין און די זעהסט דאך מיין בעדערפיניש עס האט קיין מאהל ניט ביי מיר גענעכטיגט קיין געלד · ביינאכט אז עס בלייבט מיר איבער געלד צו טייל איך עס אוועק צדקה און מארגען העלפט מיר גאט ווייטער . און איך וויים אז ניט אומזוסט האט דיך דער רבי געשיקט צו מיר · ביי מיר קענסטו דיך לערנען בטחון ווייל איך פער לאז מיך אויף גאט · העלפט מיר גאט :

אזוי ווי זיי זעבען געוועזען פערשלאסען און חדר האט מען אהנגעקלאפט און דער טיהר איז דער גביר ארויס געגאנגען האט איהם זיין נאמן געוויזין

אוועקסיל

אוועקסיל פון אפריץ און איהם געזאגט אז דער שליח ווארט אויף געלד האט ער געהייסען זאגען דעם שליח אז ער זאל קומען פאר נאכט וועט ער בעקומען זיין געלד. דער גביר איז צוריק אריין געגאנגען און חדר אריין און האט געזאגט צום אורח יעצט איז מיר אהנגעקומען צו צאהלען אוועקסיל פון דריי טויזינד רו״כ און איך פערזיכער זיך און גאט אז פאר נאכט וועל איך מסלק זיין דאס געלד און איז אריין געגאנגען מיט דעם אורח און זיין קאנטאהר אריין און האט בערעכענט וויפיעל עס קומט דעם פריץ כפי זיין חשבון. דערווייל איז אריין געקומען א משרת און האט געזאגט דאס א פריץ וויל צו איהם אריין געהן. האט ער איהם געהייסען אריין קומען דאס איז געוועזען א קאפיטאן. און דער צייט איז געוועזען א מלחמה דער קאפיטאן האט איהם געזאגט דאס ער האט בעקומען א בעפעהל אז ער זאל געהן אויף דעם פראנט און ער האט ביי זיך צעהן טויזינד רענדלעך האט ער מורא זיי ביי זיך צוהאלטין טאמער וועט ער גיהרגית ווערען און דער מלחמה און קיין קונדער האט ער ניט. ביי וועמין וועט בלייבען זיין פערמעגען. ע״כ בעט ער איהם אז ער זאל ביי איהם נעמען די צעהן טויזינד רענדלעך ביז ער וועט צוריק קומען פון דער מלחמה און פאר דעם גיט ער איהם טויזינד רענדלעך, און אויב ער וועט צוריק קומען פון דער מלחמה זאל ער איהם אב געבען ניין טויזינד רענדליך און אויב ער וועט ניט צוריק קומען זאל ער די ניין טויזינד רענדלאך צו טיילען אויף צדקה. דער גביר האט ביי איהם צו גענימען דאס געלד און האט איהם גיגעבען אוועקסיל אויף ניין טויזינד רענדליך. דער קאפיטאן איז אוועק געגאנגען דער גביר האט איהם בעגלייט און האט איהם געווינשען אז ער זאל בשלום אהיים קומען פון דער מלחמה. דער אורח האט אלעס געזען. האט דער גביר צו איהם געזאגט די זעהסט ווי די ישועה פין גאט קומט כהרף עין דאס הייסט בטחון. דער מענטש ברוכט אין זיין גאנצען לעבען זיך צו פער לאזען אויף גאט. און גאט העלפט דעם מענש תיכף. יעצט קענסטו שוין אהיים פאהרען. האט איהם דער אורח געזאגט איך האב ניט אויף די הוצאות האט איהם דער גביר געגעבען צוויי הינדערט רענדליך נאר זאלסט וויסען אז די האסט דיך נאך גאר ניט אויס גילערענט ווי אזוי צי זיין אבעל בטחון איך האב דיר באלד ניט געגעבען קיין געלד ווייל איך האב געוואלט זעהן צי די האסט בטחון יעצט זעה איך אז דערווייל האסטו נאך ניט קיין בטחון ווייל די האסט מיר ניט בעדארפען ריידען קיין געלד די האסט דיך בעדארפען פער זיכערין אין גאט אז ער וועט דיר מזמין זיין געלד. נאר וואס עס איז געוועזען איז פערפאלען נאר פין יעצט אהן אין וייטער שטארק דיך אין מדת בטחון:

דער אורח איז אהיים געפאהרען און איז געזעסען פערטראכט אודות דעם גביר. אויף דעם וועג האט ער דערהערט אשטארק געוויין ער איז צו גיגאנגען

בעגאַנגען זעהן ווער עס וויינט האָט ער דערזעהן ווי צווי ווייבער ליגען געבינדען ער האָט זיי געפרעגט פאַר וואָס זיי ליגען געבינדען האָבין זיי איהם געזאָגט אַז מען וויל זיי הארגינען ווייל זייערע מאַנען זענען שילדיג דעם פריץ די ראַטע און האָבין ניט צו ביצאָהלען זענען זיי אַנטלאָפען האָט מען זיי גענימען פאַר זייערע מאַנען (ווייל פערצייטענס האָבין די פריצים געהאַט רעכט צו הרגינען) האָט ער זיי געזאָגט וויינט ניט איך וועל אייך אויס לייזען און האָט געזאָגט צו די משרתים פון פריץ פיהרט מיך אַריין צום פריץ איך וועל ביצאָהלען זייער חוב מען האָט איהם אַריין געפיהרט צום זשאַנצע דער זשאַנצע האָט געזאָגט אַז זיי זענען שילדיג צוויי הינדערט און פופצען רענדליך האָט ער גיפרעגט אפשר וועט איהר נעמען הינדערט און פופצען ? האָט איהם דער זשאַנצע גיענטפערט דאָס קען איך ניט איך בין ניט דער אייגנעטימער פון הויף איך בין גאָר אַ זשאַנצע מיין פריץ איז אַגרויסער רשע איך האָב שוין עטליכע מאָהל בעקומען פון איהם אַ בעפעהל אויף צו הענגען די יודען און איך האָב געוואַרט אַ צייט ביז יעצט אפשר וועלען זיי קענען בעצאָהלען און די מאַנען פון די ווייבער האָב איך געלאָזט אַנטלויפען איך האָב גירעכינט אַז איך וועל שרייבען דעם פריץ אַז זיי זעיען אַנטלאָפען וועלין די ווייבער זיין פטור אָבער דער אַכזר האָט מיר געגעבין אַבעפעהל אַז איך זאָל די ווייבער הענגען ע״כ קען איך ניט אָבלאָזען אפילו איין פרוטה, דער מענש האָט אַוועק געגעבען דעם זשאַנצע די צוויי הונדערט רענדליך וואָס ער האָט גענימען ביי דעם גביר און אויף פופצען האָט ער געגעבען אַמשכן זיין טלית ותפילין די ווייבער האָט מען באַלד פריי געלאָזט און ער איז זיך געגאַנגען זיין וועג אָהן געלד און אָהן טלית ותפילין. ער האָט גידעגקט דעם גביר׳ס רייד אַז ער זאָל זיך פערזיכערין און באָט און האָט זיך געשטאַרק און פערזיכערט און גאָט ב״ה :

ער איז ביינאַכט געקומען און אַשטאָדט אַריין ער האָט דאָרט גינעכטיגט

דערווייל איז אָהנגעקומען און דער אַכסניאָ אַריין אַגרויסער סוחר און זיי האָבען ביידע גינעכטיגט און איין חדר זיי האָבען גירעדט איינער מיט דעם צווייטען איינער האָט גיפרעגט דעם צווייטען פון וואַנען ער איז אַזוי ווי דער שטייגער איז דער אורח האָט גיפרעגט דעם אורח פון וואַנען ער איז. האָט ער איהם געזאָגט פון דער שטאָדט ... האָט ער איהם גיפרעגט ווער זיין פאָטער איז ? האָט ער גיפרעגט איהר וועט דען קענען מיין פאָטער אַז איך וועל אייך זאָגען ווי אַזוי ער הייסט. האָט ער איהם גיענטפערט איך וועל איהם קענין איך האָב מיט פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק געוואָהנט אין דיין שטאָדט מיין פאָטער הייסט... האָט איהם דער אורח געזאָגט. האָט דער סוחר געזאָגט איך האָב איהם גוט גיקענט די ביזט זיין זוהן ? וואָס טוהסטו דאָ ווי איז דיין עלטירער

ברודער

ברודער ? זו האט איהם אויסגעפרעגט אויף זיין גאנצע משפחה זיי זענען אזוי גיזעסין אגאנצע נאכט און געשמיעסט. נאך דעם האט דער סוחר גיזאגט צו איהם איך וועל דיך עפיס בעטען אין דער שטאדט ... האב איך א קרוב ער הייסט ... איך דארף איהם אב שיקען א חלק ירושה וואס מיר האבען גירשנת פון איין קרוב וואס האט ניט געהאט קיין קונדער זיין אדרעס ווייס איך ניט אויף קלאהר און וייל איך קען דיין משפחה מן הסתם בזסטו אויך אזוי ווי דיין משפחה א איש נאמן ע"כ בעט איך דיך נעם מיט דאס געלד איך גיב עס איהם אב ער איז אארימאן ער ווייסט גאר ניט פון דער ירושה דער מענש האט גענימען דאס געלד. בעזינדער האט איהם דער סוחר געגעבין שכר טרחה ער האט דאס געלד איינגענייט און זיין מלבוש און איז אוועק געגאנגען און דעם שטאדט אריין ווי דער סוחר האט איהם געשיקט. ער איז געקומען אין דער שטאדט אריין אין האט זיך נאר גיפרעגט אויף דעם מענש מיט די אלע סמנים וואס דער סוחר האט איהם געזאגט האבין איהם אלע מענשין פין שטאדט געזאגט דאס עס איז גאר ניט געוועזען אין ניט דא אזא מענש וואס ער פרעגט. ער איז אהיים געגאנגען בפחי נפש אין איז געפאהרען צים רביין ר' מיכעלי אין האט איהם דערציילט ווי אזוי עס איז מיט איהם דערגאנגען דעם וועג אין דאס עגמת נפש וואס ער האט פין דעם געלד וואס מען האט איהם מיט געגעבען אין ער קען דעם מענש ניט געפינען.

**האט** איהם דער רבי געזאגט דאס געלד האסטו בעקומען פאר דעם בטחון עס איז קיין מאהל ניט געוויזען אין שטאדט אזא מענש. וואס האט דיר געגעבין דאס געלד איז אויך ניט קיין מענש. נאר דאס איז גצוועזען דער מלאך וואס איז בעשאפען געווארען פין דער מצוה וואס די האסט אויס געלייזט די צוויי ווייבער. דאס געלד איז דיין נאר זעה אז פין היינט אהן זאלסטו זיין אבעל בטחון אין גאט זאל דיר העלפען. פין דאנען זעהן מיר ווי גרויס רער כח פין בטחון איז מיר זאלען זיך זוכה זיין צי פערזיכערין אין השי"ת ובזכות זה וועט ער אינז בעווייזען ניסים און וועט אונז אויס לייזען פין גלות אין וועט אונז ברענגען קיין ארץ ישראל במהרה בימינו אמן:

# נפלאות הבעל שם

## א ווינדערליכע מעשה פון בעל שם טוב ווי אזוי ער האט געזעהן מיט רוח הקודש אז דער קאזניצער מגיד וועט געבאהרען ווערען

דער בעל שם טוב איז געזעסען פרייטאג צונאכט ביי דעם טיש תיכף נאך דעם קידוש האט דער בעל שם אהנגעהויבען צו לאכען די תלמודים האבען מורא געהאט איהם איבער צו פרעגען און זיי האבין ניט אהנגעזעהן קיין שום זאך וועלכעס דורך דעם זאל דער בע״ש לאכען די זאך איז ביי זיי געווען אגרויסע פלא זיי האבען דאס קיינמאהל ניט געזעהן זיי האבען געבעטין ר׳ וואלף קיצעס זיין גרויסער תלמוד אז ער זאל איהם פרעגען וואס דאס לאכען בעדייט ווייל שבת צונאכט ווען ר׳ וואלף האט פערייכערט דעם בע״ש די ליולקע פלעגט ער איהם צו פרעגען וואס עס איז געוועזען דעם שבתידיגען טאג. עס איז טאקי אזוי געוועזען מוצאי שבת איז ר׳ וואלף קיצעס אריין געגאנגען צום בע״ש און איהם גיפרעגט וואס דאס לאכין איז געוועזען? האט איהם דער בע״ש גיענטפערט איך וועל אייך ווייזען. און האט געהייסען איינשפאנין די פערד און מען זאל פאהרען און דער בע״ש האט געהייסען זייבע תלמודים זיי זאלען זיך אויף זעצען אויף דער פיהר און געהייסען מיט נעמען די בגדי חול. מען איז געפאהרען אגאנצע נאכט און דער פריה זענען זיי אהן אהנגעקומען קיין קאזיניץ זיי זענען צו גיפאהרען צום פרנס חודש. נאך דעם דאווינען האט דער בע״ש זיך געהייסען רופען ר׳ שבתי איינבינדער האט איהם דער פרנס חודש געזאגט וואס דארפט איהר דעם אלטען ר׳ שבתיין אמת ער איז אגאנץ ערליכע מענש. ער איז דאך אפראסטער מענש. האט דער בעש״ט גיענטפערט איך וויל דאך ער זאל צו מיר קומען מען האט געשיקט נאך ר׳ שבתיין ר׳ שבתי איז געקומען האט דער בע״ש געהייסען רופען זיין וויב אוך זי איז אויך געקומען. האט דער בע״ש געזאגט צי ר׳ שבתיין דערציייל נאר מיר וואס די האסט פרייטאג צונאכט געטוהן נאר זאג דעם אמת פאר לייקען גאר ניט. יעדער אייגער האט אויף גישטעלט די אויערין צי הערען וואס ר׳ שבתי וועט דער צייילען די תלמודים האבין זיך צי געריקט נאהנט כדי זיי זאלען הערען. האט ר׳ שבתי זיך אהנגערופען איך וועל אלעס דערציילען וואס איך האב געטוהן אין אויב איך האב דער מיט געזינדיג בעט איך איהר זאלט מיר ארויס געבען אתשובה. אין האט דערציילט. איך בין זיך מפרנס פין אייביגע יאהרען פין איינבינדעריי כל זמן איך האב געהאט כח צי ארבייטען האב איך געהאט פרנסה בריות איך האט געהאט אביסעל געלד מיין אייגענס איך האב געהאט אמנהג אז דאנערשטיג פלעגט מען ביי מיר איינקויפען כל צרכי שבת פרייטאג זייגער צעהן האב איך אוועק געלייגט מיין ארבייט אין בין

צעגאנגען אין שוהל אריין געזאגט שיר השירים אין מעביר געוועזען די סדרה געזאגט תקינו שבת אין האב זיך פערזאמט אין שוהל ביז ך דעם דאוינען:

אויף דער עלטער האב אוך שון ניט קיין כח צי ארבייטען לעב איך שון אב חיי צער אין איך קען שוין ניט איינקויפען דאנערשטיק כל צרכי שבת נאר דעם מנהג צי געהן פרייטאג זייגער צעהן אין שוהל אריין האב איך ניט אבגעלאזט יענע וואך האב איך ווינציג פערדינט אין האב ניט געהאט אויף שבת עס איז געקומען פרייטאג זייגער צעהן אין איךהאב גיזעהן אז איך האב ניט אפילו איין פרוטה אויף שבת אין וויל איך בין קיינמאהל ניט געוואהנט געוועזען צי נעמען קיין נדבות האב איך זיך מישב געוועזען עס איז גלייכער איך זאל פאסטען שבת איידער איך זאל נעמען ביי יענעם. נאר איך האב מורא געהאט איך וועל אוועק געהן אין שוהל אריין וועט דא מיין וויב געמען ביי עמיצען. האב איך זי געבעטען זי זאל ניט נעמען ביי קיינעם אפילו מען וועט זי בעטען זי זאל נעמען וויל יודען זענען דאך בני רחמנים זיי וועלען זעהן אז איך האב ניט אויף שבת וועלין זיי איהר וועלען געבען איך האב ביי איהר גענימען תקיעת כף אויף דעם און בין זיך אוועק געגאנגען און שוהל אריין אין איך האב געזאגט מיין וויב אז איך וועל אהיים געהן פון שוהל גלייך מיט יעדען וועט מען מיך פרעגען פאר וואס עס ברענט זיך ביי מיר ניט קיין ליכט (איך האב אפילו אויף קיין ליכט אויך ניט געהאט) וועל איך דאך מבייש ווערען ע״כ וועל איך אהיים קומען שפעטער ווען אלע מענשען וועלען שוין זיין און דער היים מיר דארפען מקבל זיין באהבה דאס וואס עס איז אוף אינז נגזר געווארען

איך בין געגאנגען און שוהל אריין און מיין וויב האט אויס גיקעהרט די שטיב און זי האט געפינען א אלט מלבוש וואס עס איז איהר פערלאהרין געווארען שוין עטליכע יאהר און אויף דעם מלבוש איז געוועזין זילבערינע קנעפ און גאלד אויסגעהאפטען זי האט אראב גענימען דאס גאלד און זילבער פון דעם מלבוש און זי איז תיכף נעגאנגען צום גאלדשמיט און האט עס פערקויפט און זי האט פון דעם געלד איינגעקויפט כל צרכי שבת עס איז נאך איבער געבליבען געלד אויף נאך שבת זי האט געקופט חלות פלייש יין פיש און זי האט געמאכט שבת ברחוה. און וויל זי האט געוויסט אז איך וועל אהיים קומען שפעט פון שוהל האט זי אהנגעצינדען גרויסע ליכט. ביי נאכט נאך דעם דאווינען ווען יעדער איינער איז שוין אהיים געגאנגען פון שוהל בין איך הערשט אהיים געגאנגען. איך האב דערזעהן פון דער וויטענס אז ביי מיר און שטיב לייכט זיך האב איך גירעכינט מיין וויב האט זיך ניט גיקענט איינהאלטען און האט זיכער גענימען ביי עמיצען איך בין אריין געקומען און

שטיב

# נפלאות הבעל השם

שטיב אַריין האָב איך גיזעהן עס איז געברייט צום טיש. ווייַן אויף קידוש חלה פיש. האָב איך ביי זיך געטראַכט זאָל איך זיך מיט איהם קריגען פאַר וואָס זי האָט גענימען ביי עמיצען וועל איך דאָך פערשטערען דעם שבת האָב איך זיך איינגעהאַלטען און האָב איהר גאָר ניט געזאָגט און איך האָב געמאַכט קידוש און זיך גיוואַשען און גיגעסען די פיש. נאָך דעם האָב איך זי גיפרעגט מיט אַווייכע שטימע עס דעהט אויס אַז די קענסט ניט מקבל זיין דאָס שלעכטס? זי האָט מיך ניט געלאָזט אויס פיהרען מיינע רייד און האָט מיר געזאָגט מיין מאַן? די געדענקסט דאָס קלייד מיט די זילבערנע קנעפ און מיט גאָלד אויס געהאָפטען וואָס עס איז מיר פערלאָהרען געוואָרען שוין עטליכע יאָהר? איך האָב איהר געענטפערט אַז איך גידענק. האָט זי מיר דערציילט אַז זי האָט עס היינט ביי דעם אויס קעהרען די שטיב האָט זי עס געפינען און האָט עס פערקויפט און האָט געמאַכט שבת:

פאַר גרויס שמחה איז מיר גערינען טרערען פין די אויגען און האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען און בין אַפּווער געגאַנגען פין טיש און האָב אָהנגענימען מיין ווייב ביי דער האַנד און האָב מיט איהר געטאַנצט נאָך דעם יאָך האָב איך ווייטער געטאַנצט און נאָך דעם גאַנצען עסין ווייטער געטאַנצט פאַר גרויס שמחה וואָס השי״ת האָט מיר מזמין געוועזען אויף שבת כיד המלך איך האָב ניט בעדאַרפט נעמען ביי עמיצען הכלל דריי מאָהל האָב איך געטאַנדט מיט מיין ווייב. יעצט רבי אויב איך האָב טאַקי מיט דעם געזינדיגט וואָס איך האָב געטאַנצט מיט מיין ווייב גיט מיר אַרויס אַתשובה איך וועל מקיים זיין וואָס איהר וועט מיך הייסען הגם השי״ת ווייסט דעם אמת אַז מיין כונה איז געוועזען לשם שמים. האָט דער בעל שם געזאָגט צי זיינע תלמוד אַזוי ווי ר׳ שבתי האָט געטאַנצט מיט זיין ווייב אַזוי האָבין די גאַנצע פמליי של מעלה מיט געטאַנצט נאָך דעם האָט דער בע״ש צי גערופען ר׳ שבתים ווייב און האָט זי גיפרעגט וואָס זי וויל צי זי זאָל אויס פיהרען איהרע יאָהרען מיט עשירות צי זי וויל בעסער האָבין אַזוהן אוף דער עלטער האָט זי גיענטפערט וויפיעל האָב איך דען נאָך צי לעבען וויל זיי זעבען שוין געוועזען קרוב לשבעים איז שוין מיר אַלעס איינס יאָ רייך ניט רייך איך וויל בעסער האָבען אַזוהן האָט איהר דער בע״ש געזאָגט איבער אַ יאהר אין דער צייט וועסטו האָבען אַזוהן וואָס ער וועט דיר דערלייכטען אויף יענער וועלט און זאָלסט איהם רופען ישראל אַזוי ווי איך הייס. עס איז אַזוי געוועזען זי האָט גיהאַט אַזוהן און האָט איהם אַנאָמען גיגעבען ישראל דאָס איז געוועזען הרב הצדיק הקדוש המגיד מקאָזניץ זי״ע:

## א וואונדערליכע מעשה פון בעש"ט הקדוש מיט ר' מענדילי וויטעפסקער:

דער רבי ר' מענדלי וויטעפסקער איז געוועזען דעם רבי'ן ר' בערס א תלמוד פון קליינער הייט אהן און ער האט זייער גיט געלערענט דער רבי ר' בער דאט איהם שטארק ליעב געהאט. א מאהל נאך דעם עסין האט דער רבי ר' בער געזעהן ווי ר' מענדילע איז זייער ליסטיג און געהט זיך אין שטיב אהין און צוריק האט זיך דער רבי ר' בער אנידער געשטעלט ביי דער שוועל פון זיין חדר און האט צו גערופען ר' מענדילע און האט איהם גיפרעגט מענדעל, ווי פיעל דפין גמרא האסטו היינט גילערענט? האט ער איהם גיענטפערט זעקס האט דער רבי געזאגט שטילער הייט אז פון זעקס דפין גמרא געהט מען דאס היטעל אין דער זייט (ער איז געגאנגען דאס היטעל אין דער זייט) וויפיעל דפין גמרא דארף מען שוין לערנען ביז מען זאל אראב נעמען אין גאנצען דאס היטעל? און האט צוריק צי געמאכט די טיהר דער בחור ר' מענדילי (ער איז נאך געוועזען א בחור) האט זיך בערעכינט אז ער האט ניט גיט געטוהן וואס ער איז געגאנגען א ביסעל מיט התנשאות איז ער צי געלאפען צים רבינס חדר מיט א געוויין און האט געשריגען רבי עפענט מיר אויף איך וויים אז איך האב געטוהן א פעלער. האט דער רבי איהם גיעפענט די טהיר און האט איהם געזאגט האב ניט קיין מורא מיר וועלען ביידע פאהרען צים בע"ש און ער וועט אינז שוין וויזען דעם אמת'דיגען וועג. דער בחור איז א ביסעל רוהיג געווארען. דיענסטאג זענען זיי געפאהרען קיין מעזיביז זיי זענען אהנגקומען קיין מעזיביז פרייטאג. דער רבי ר' בער איז תיכף געגאנגען צים בע"ש און דער בחור ר' מענדילי האט זיך פערזאמט אויף דער אכסניא ער האט זיך שוין צו גיקעמט און אב געוואשען ער איז שטענדיג געוואהנט געוועזען צו געהן ריין און דער בע"ש איז שוין געוועזען גרייט צום דאווינען ווייל ער פלעגט זיך שטעלען דאווינען ווען עס איז נאך געוועזען טאג איז ער געשטאנען ביי דעם עמוד און געוואדט ביז ר' מענדעלי וועט קומען. ר' מענדעלי איז אריין געקומען און בית המדרש אריין האט דער בע"ש זיך גישטעלט דאווינען:

ער האט איהם ניט געגעבען קיין שלום ביז מוצאי שבת ווען ער האט גיהייבערט די לילקע האט ער צו גערופען ר' מענדעלין און האט איהם געגעבען שלום. און האט איהם דערציילט א מעשה דער רבי ר' בער און דער רבי ר' יעקב יוסף און רבי ר' לייב מוכיח זענען געשטאנען בשעת דער בע"ש האט דערציילט ר' מענדיליין די מעשה. און דער מעשה האט ער איהם מרמז געוועזען זיין פאסירונג פון דעם טאג וואס ער איז געבאהרען געווארען ביז זיין פטורה נאך דעם האט ער איהם געזעגענט דער בע"ש האט געזאגט דעם רבי'ן ר' בער

אז דער בחור איז באמת א שפל ביי זיך . ווען דער רבי ר׳ מענדעלי איז עלטער געווארען האט ער פערשטאנען דעם רמז פון דער מעשה וואס דער בע״ש האט איהם דערציילט . ווען ער איז שלאף געוועזען און ווײטעפסק און עס איז פון איהם צו גענומען געווארען דעם כח הדיבור האבען אלע מענשין וואס זענען געוועזין און שטיב געווײנט זיי האבען געמיינט אז ער וועט נפטר ווערען ער האט זיך אויף געכאפט פון זייער געוויין האט ער זיי געזאגט איהר זאלט ניט מורא האבין איך וועל נאך לעבען ווייל און דער מעשה וואס דער בע״ש האט מיר דערציילט האט ער מיר מרמז געוועזען אז איך דארף זיין אין ארץ ישראל און עס איז אזוי געוועזען ער איז געזינד געווארען און איז געפארען קיין ארץ ישראל און איז דארט נפטר געווארען זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן :

## א ווינדערליכע מעשה פון בעש״ט הקדוש מיט איין געטויפטען בישוף וואס ער איז געווארען א בעל תשובה .

דער בעש״ט הקדוש איידער ער איז נסתלק געווארען האט ער צוזאמען גערופען אלע זיינע תלמידים און האט זיי אהנגעזאגט ווי אזוי זיי זאלען זיך פיהרען און פון וואס זיי זאלען זיך מפרנס זיין. איין תלמיד וואס איז אויך געוועזען זיין משמש ער האט געהייסען ר׳ יעקב איהם האט ער געזאגט . די וועסט ארום פאהרען אויף דער וועלט און די וועסט דערציילען פון מיר מעשיות וואס די האסט ביי מיר גיזעהן און פון דעם וועט זיין דיין פרנסה . ר׳ יעקב האט זיך זייער מצער געוועזען און האט געזאגט צום בע״ש וואס וועט זיין מיין תכלית איך וועל אייביג דארפען זיין נע ונד ? האט איהם דער בע״ש גיענטפערט זארג ניט די וועסט פון דעם רייך ווערען . דער בע״ש איז נסתלק געווארען אלע תלמידים האבען מקיים געוועזען וואס דער בע״ש האט זיי אהנגעזאגט און דער ר׳ יעקב איז ארים געפאהרען אויף דער וועלט און דערציילט מעשיות פון בע״ש און ער האט זיך מתפרנס געוועזען בריות . עס איז פערביי געגאנגען דרײטהאלבען יאהר נאך דעם בעל שם׳ס הסתלקות האט ר׳ יעקב גיהערט אז און איטלי׳ איז דא א גביר וואס ער גיט פאר דערציילען א מעשה פון בע״ש ארענדיל . האט ער ביי זיך געטראכט איך וועל אהין פאהרען איך קען דאך נתעשר ווערען אז פאר יעדער מעשה גיט ער ארענדיל איך ווייס דאך פיעל מעשיות וועט ער מיר געבען אסך רענדלאך . ער האט זיך געקויפט

צפערד

אפערד און וואָגען און געדינגען אשמייסער און האָט אהנגעהויבען צו פאָהרען קיין איטליע ער האָט זיך געזוימט אין וועג זיבען חדשים ווייל אין יעדער שטאָדט האָט ער זיך אָבגעשטעלט און דערציילט מעשיות כדי ער זאָל האָבען אויף די הוצאות. ווי ער איז אָהנגעקומען אין דער שטאָדט אריין ווי דער גביר האָט דאָרט געוואָהנט האָט ער זיך גיפרעגט אויף דעם גביר האָט מען איהם געזאָגט אַז ער איז אגרויסער עושר ער בעוואָהנט זיך גלייך ווי אַ קיסר און ער פיהרט זיך בדרך החסידות ער זיצט אַגאַנצע טאָג על התורה ועבודה זיין מסחר פיהרען מענשען און ער מישט זיך גאָר ניט צום מסחר ער זיצט אַגאַנצע טאָג און לערענט און דאַווינט. שבת ביי דעם עסין בעט ער מען זאָל איהם דער־דערציילען מעשיות פון בע״ש נאָך שבת בעצאָהלט ער פאַר יעדער מעשה ווייס מען דערציילט איהם אַרענדיל. ער וואָהנט שוין דאָ צעהן יאָהר ער איז אַהער געקומען און האָט געקויפט דעם הויף ביי אַמיניסטער און האָט אויף געמאַכט אַשוהל אין הויף אין מען דאַווינט דאָרט און דער פריה און פאַר נאַכט. שבת געהן אַסך מענשין צו איהם צום טיש:

רבי יעקב איז געגאַנגען צום גביר און האָט געזאָגט צום גביר׳ס אמשרת אַז ער זאָל זאָגען דעם בעל הבית אַז דעם בעל שם ס משמש איז געקומען און ער וועט איהם דערציילען מעשיות פון בע״ש וואָס זיינע אויגען האָבען עס אליין געזעהן. דער משרת האָט דאָס דערציילט זיין בעל הבית דער בעל הבית האָט גיענטפערט אַז ער זאָל וואַרטען ביז שבת וועט ער דערציילען די מעשיות פון בע״ש און ער האָט איהם אָב געגעבען אַבעזונדער חדר ער זאָל דאָרט זיין:

די גאַנצע שטאָדט איז געוואָהר געוואָרין אַז עס איז געקומען דעם בעל שם׳ס אַ תלמיד זענען זיי שבת אַלע געקומען צום גביר הערען דערציילען מעשיות פון בע״ש. ביי דעם עסין האָט דער גביר געהייסען ר׳ יעקב׳ען דערציילען אַמעשה פון בע״ש ר׳ יעקב האָט אָבער פערגעסען אַלע מעשיות פון בע״ש ער האָט זיך געוואָלט מצייר זיין די צורה פון בע״ש כדי ער זאָל זיך קענען דער מאַנען פון וועלכער מעשה. ער האָט זיך אָבער דאָס אויך ניט געקענט דערמאַנען דער גביר האָט געשמייכעלט און האָט צו איהם געזאָגט מיר וועלען וואַרטען ביז מאָרגען אפשר וועט איהר אייך מאָרגען דער מאַנען. ר׳ יעקב האָט אַ גאַנצע נאַכט געוויינט אין זיך געמאַטערט אפשר וועט ער זיך קענען דער מאַנען אַמעשה פון בע״ש. שבת ביי טאָג ביי דער סעודה האָט איהם דער גביר ווייטער געבעטען ער זאָל איהם דערציילען אַמעשה פון בע״ש ער האָט אָבער גאָר ניט געדענקט האָט ער געזאָגט צים גביר גלייבט מיר עס איז ניט קיין דבר פשוט עס איז איהם נאָך ניט קיין מאָהל אַזעלכעס פאַר געקומען האָט דער

דער גביר געזאָגט מיר וועלען וואַרטען ביז שלוש סעודות האָט ער אויך ניט געדענקט קיין שום מעשה. ער איז זייער געוועזען טרויעריג אין בעזונדער האָבין דעם גביר׳ס מענשען געוואָלט איהם אָהנטוהן בזיונות ווייל עס האָט זיי פערדראָסען ער האָט גישפעט פין זייער בעל הבית ער האָט אָבער דאָס אַלעס מקבל געוועזען באַהבה ווייל ער האָט גידעכענט אפשר וויל מען ניט פין הימעל אַז ער זאָל רייך ווערען אָבער אפשר איז דער בע״ש מתרעם וואָס ער פאהרט אַזעלכע ווייטע וועגען אין אַפרעמד לאַנד אַריין וואָס זיי זענען ניט ראוי צי הערען מעשיות פין בע״ש ער האָט תפלה געטוהן צי השי״ת. מוצאי שבת האָט ווייטער דער גביר אַריין געשיקט איהם פרעגען צי ער האָט זיך שוין דער מאַנט ער האָט פין דעם שטאַרק געליטען וואָס מען פרעצט איהם אַלע מאָהל. ער האָט זיך גיט אויס געוויינט אין איז צי געגאַנגען צים גביר אין האָט איהם געזאָגט אפשר וויל מען ניט .מן השמים אַז איך זאָל רייך ווערען אָדער איך זאָל אויף דעם אָרט ניט דערציילען קיין מעשיות איך ווייס אַז דאָס איז ניט קיין פראָסטע זאַך איבער דעם ווייל איך אַהיים פאָהרען. האָט איהם דער גביר געבעטען אַז ער זאָל נאָך וואַרטען ביז דינסטאָג אין אויב ביז דינסטאָג ער וועט זיך ניט דערמאַנען וועט ער אַהיים פאָהרען ר׳ יעקב איז געבליבען ביי דעם גביר ביז דינסטאָג אין האָט זיך גאָר ניט דער מאַנט ער האָט זיך אָבגעזעגינט מיט דעם גביר און האָט זיך אויף געזעצט אויף דער פיהר אַוועק צו פאָהרען ווי ער איז גיזעסען אויף דער פיהר האָט ער זיך דערמאַנט אַווינדערליכע מעשה פון בע״ש. ער איז צוריק אַריין געגאַנגען צום גביר און האָט געהייסען זיין משרת צריין גערן זאָגען דעם גביר אַז ער האָט זיך שוין דערמאנט א מעשה דער גביר האָט איהם אריין גערופען צו זיך און חדר אריין און האָט איהם געהייסען דערציילען די מעשה האָט ר׳ יעקב אָהגעהויבען צו דעציילען:

אַמאָהל פאר דעם נוצרישען פסח איז דער בע״ש געוועזען זייער טרוד אגאנצען שבת תיכף נאָך הבדלה האָט ער געהייסען איינשפאַנען די פערד און מיט גענימען מיט זיך נאָך צוויי מענשען און מיר האָבען ניט געוויסט ווי מען פאָהרט און דער פריה זענען מיר אריין געקומען אין אגרויסע שטאָדט אריין די פערד האָבען זיך גישטעלט לעבען אַגרויס הויז. דער טויער און די פענצטער זענען געוועזען פער מאַכט דער בע״ש האָט געדרייסען אָהנקלאַפען מיר האָבין אָהנגעקלאַפט איז אַרויס געקומען אַ אַלטע אשה און האָט געשריגען אויף אינז וואָס ווילט איהר דאָ היינט. איהר זענט אַלע און איין סכנה וויל

דעם

דעם טאָג ליידען ניט די נוצרים קיין יוד וועלכען יוד זיי טרעפען און גאַס הרג'נן זיי איהם אויב זיי טרעפען ניט קיין יוד און גאַס וואַרפען זיי אַ גורל אויף וועלכען יוד. און וועלכער ער פאַלט אַריין אין זייער גורל אַריין איז איהם ביטער זיי שלעפען איהם אַרויס פון שטיב און טוהן איהם אָהן ענוים קשים ביז ער בלייבט טוידט ביי זיי אין די הענט. און אויב וועלכער נוצרי וועט אייך טרעפען וועט ער אייך הרגנין און מיר קענען אויך ליידען דורך אייך אַנטלויפט אינטער דער שטאָדט. דער בע״ש האָט ניט געקוקט אוף איהרע רייד און איז גלייך אַריין און הויף אַריין און איז אַרויף געגאַנגען אויף דעם גאָרען און האָט געהייסען אַריין נעמען די חפצים און שטיב אַריין אַלע מענשען פון שטיב זענען גילעגען און שטיב און האָבין גאָר ניט גרעדט פאַר גרויס פחד. און די זקנה איז אַריין געקומען און שטיב אַריין און האָט זיך געקריגט מיט דעם בע״ש דער בע״ש האָט איהר גאָר ניט גיענטפערט דער בע״ש איז צו געגאנגען צום פענצטער און פערשאַרצט די פאָרהאַנג פון פענצטער און האָט אַרויס גיקוקט און גאַס אַריין. די זקנה האָט נאָך מעהר געשריגען אוף דעם בע״ש פאַר וואָס ער האָט פערשאַרצט די פאָרהאַנג, ער האָט אָבער אוף איהרע רייד גאָר ניט געקוקט. דער בע״ש האָט גיזעהן ווי און דער גאַס שטעהט אַ בימה מיט דרייסיג טרעפ און אַגרויסער המון שטעהן אַרים דער בימה און וואַרטען אויף דעם בישוף דערווייל האָט זיך דערהערט אַקלונגעריי אַז דער בישוף קומט אָהן:

דער בע״ש איז אַזוי געשטאַנען ביי דעם פענצטער אין אַרויס געקיקט פליצלונג האָט ער מיך צו גערופען אין האָט מיר געזאָגט געה צים בישוף אין זאָג איהם אַז ער זאָל תיכף צו מיר קומען. די מענשען פין שטיב האָבין דאָס דער הערט האָבין זיי אָהנגעהויבען צו ציטערין אין האָבין אָהנגעהויבען צו שרייען אויף דעם בע״ש צו ביסטו אַחסר דעה די שיקסט אַמענש צו הרגנן מען וועט דאָך איהם הרגנן זיי האָבין דעם בע״ש געשאָלטען אָבער ער האָט גאָר ניט געקוקט אויף זיי אין האָט מיר געזאָגט געה גיך האָב ניט קיין מורא. איך האָב דאָך געוויסט אַז ער ווייסט וואָס ער טהיט בין איך אַרויס געגאַנגען אָהן מורא אין איך בין צו געגאַנגען צו דער בימה אין עס האָט מיר קיינער גאָר ניט געזאָגט אין איך בין צו געגאַנגען צים בישוף אין האָב איהם געזאָגט אוף יודיש דער בעש״ט איז דאָ היר ער רופט אייך איהר זאָלט תיכף צו איהם קומען. דער בישוף האָט מיר גיענטפערט איך ווייס אַז ער איז דאָ זאָג איהם אַז נאָך דער דרשה וועל איך קומען. די מענשען פין שטיב האָבין אַרויס גיקוקט דורך די פענצטער אין האָבין געזעהן ווי איך בין געוועזען ביי דער בימה אין גערעדט מיט דעם בישוף זיי האָבין זיך פערווינדערט זיי האָבין פערשטאַנען אַז דאָס איז אַגעטליכע זאַך זענען זיי צו געגאַנגען אי

איבער

איבער געבעטען דעם בע"ש אז ער זאל זיי מוחל זיין ער האט זיך ניט געמאכט הערענדיג ניט זייערע ערשטע רייד ניט די יעצטיגע רייד. איך האב דעם בע"ש געזאזט דעם בישוף'ס ענטפער האט ער אויף מיר געגעבען אגעשריי און געזאגט געה גאך אמאהל צום בישוף און זאג איהם אז ער זאל תיכף קומען צו מיר ער זאל ניט זיין קיין שוטה. איך בין צוריק געגאנגען צו דער בימה און ער האט שון אהנגעהויבען צו דרשנן האב איך איהם געגעבען אשלעפ ביי זיין מלבוש און האב איהם געזאגט אז דער בע"ש הייסט איהם תיכף קומען. דער בישוף האט געזאגט צום פאלק זיי זאלען ווארטען אביסעל ער דארף אוועק צו געהן ער וועט באלד צוריק קומען. דער בישוף איז מיט מיר געגאנגען און איז ארייז געגאנגען צום בע"ש זיי זענען ביידע ארייז געגאנגען אין אבעזינדער חדר זיי האבין פערשלאסען די טהיר און זיי זענען דארט ביזעסען א ערך פון צוויי שעה נאך דעם איז דער בע"ש ארויס געקומען פון חדר און האט געהייסען שפאנען די פערד און מיר זענען אוועק געפאהרען און וואס עס איז געווארען מיט דעם בשוף ווייס איך ניט. און ווי אזוי די שטאדט הייסט ווייס איך אויך ניט:

ווי ר' יעקב האט גיענדיגט די מעשה האט דער גביר אויף געהויבען זיינע הענד און געלויבט גאט און האט געזאגט ר' יעקבין איך ווייס אז די זאגסט אמת אזוי ווי איך האב דיך דערזעהן האב איך דיך דערקענט נאר איך האב זיך ניט וויסענדיג געמאכט איך וועל דיר דערציילען די גאנצע מעשה איך בין דער בישוף וואס מען האט מיך גערופען איך בין געוועזען פריהר איוד איך בין געוועזען אגרויסער חכם און איך האב געהאט אגרויסע נשמה און איך בין ארייינגעפאלען לעמקי הקליפות און דער בע"ש האט מיך ארויס גענימען מעמקי הקליפות ווייל איך האב געהאט זכות אבות ווייל מיינע עלטערין זענען געוועזען הייליגע מענשען. דער בעש"ט האט אלע מאהל מיט מיר גירעדט בחלום אז איך זאל ווערען צוריק איוד די נאכט פון דעם נוצרישען האב איך איהם צו געזאגט אז גאנץ פריה איידער דער המון וועט זיך איינזאמלען הערען מיין דרשה ווייל איך פלעג צו דרשינן שלעכטס אויף יודען וועל איך אנטלויפען. איך האב זיך אויף געהויבען און דער פריה האט זיך און מיר די קליפה געשטארקט איך האב אבער ביזעהן אז דער בע"ש איז געקומען האב איך גיקלערט וואס איך זאל טוהן. ווי איך האב געזעהן אז דער גאנצער המון איז שוין געקומען און ווי איך האב גיגעבען איין טריט האט מען אהנגעהויבען צו קלינגען האט מיך דער יצר ניט געלאזט איך זאל פערלאזען דעם גאנצען כבוד און בין געגאנגען דרשנ'ן. ווי די ביסט געקומען און האסט מיך גערופען האב איך נאך געוואלט פריהר זאגען די דרשה אבער ווי די ביסט געקומען און האסט מיך גערופען דאס צווייטע מאהל בין איך געווארען א אנדערער מענש

אין

און בין תיכף געגאַנגען צום בע״ש דער בע״ש האָט מיר געגעבען אַתיקון און
בין געוואָרען אַ בעל תשובה גמור און האָב פערמעגען האָב איך צוטיילט
אָרימע לייט און אַפערטיל פערמעגען האָב איך אַוועק געגעבען דעם קיסר ער
זאָל מיך לאָזען אַרויס פאָהרען און אַצווייטע מדינה. דער בעש״ט האָט מיך
געזאָגט וואָס איך זאָל טוהן כדי איך זאָל מתקן זיין מיין נשמה און ער האָט
מיר געזאָגט די וועסט האָבין אַ סימן אַז מען האָט דיר מוחל געוועזען דיינע
זינד אַז אַמענש וועט צו דיר קומען און וועט זיר דערציילען דיין אייגינע
מעשה זאָלסטו וויסען אַז מען האָט דיר מוחל געוועזען דיינע עונות:

אַזוי ווי איך האָב דיך געזעהן האָב איך באַלד ונשובה געטוהן און אַזוי ווי
איך האָב געזעהן אַז די האָסט פערגעסען אַלע מעשיות פון בע״ש האָב
איך פערשטאַנען אַז דאָס איז דורך מיר האָב איך נאָך מעהר תשובה געטוהן
און ב״ה אַז מיין תשובה איז אָהנגענומען געוואָרען און יעצט וויים איך אַז
מען האָט מיר מוחל געוועזען מיינע עבירות. יעצט וועסטו שוין ניט דאַרפען
אַרום פאָהרען אויף דער וועלט צו דערציילען מעשיות איך וועל דיר געבען
פיעל געלד וואָס די וועסט האָבען פון דעם צו לעבען כל ימי חייך:

## אַ ווינדערליכע מַעֲשֶׂה פון בעש״ט הַקָדוש זצ״ל:

דעם בעל שם׳ס תלמידים האָבין אַמאָהל געבעטען דעם בע״ש אַז ער זאָל
זיי ווייזען אליהו הנביא ז״ל. האָט ער זיי צו געזאָגט אַז ער וועט זיי
ווייזען. אַמאָהל איז דער בע״ש אַרויס געגאַנגען אויף דעם פעלד פרייטאָג
בייטאָג מקבל שבת זיין ער פלעגט אַרויס געהן צוויי דריי שעה פאַר נאַכט
און ער פלעגט מקבל שבת זיין און זאָגען פאַר זיינע תלמידים דברי תורה.
פלוצלונג מען האָט שוין געהאַלט מקבל שבת זיין נאָר עס איז נאָך געוועזען
טאָג האָט דער בע״ש געזאָגט אַז ער וויל רייכערען אַליילקע האָבען די תלמידים
זיך צושפרייט אויף די וועגען אפשר וועלען זיי טרעפען אַמענש מיט אַליילקע
זיי זאָלען זי לייהען פאַר דעם בעל שם׳ס וועגען. זיי האָבען אָבער קיינעם
ניט געטראָפען זיי זענען צוריק געקומען און געזאָגט דעם בע״ש אַז זיי האָבין

ניט קיינעם געטראפען האט דער בע"ש זיך אויף געשטעלט און זיך אומגעקוקט אונהאט געזאגט צו זיינע תלמידים איך זעה א שלאחשיטש געהן געהט איהם אקעגען אפשר האט ער אלילקע בעט איהם אז ער זאל זי אייך לייען די תלמידים זענען אקעגען געגאנגען דעם שלאחשיטש און האבען איהם גיפרעגט צו ער האט ביי זיך אלילקע האט ער זיי געענטפערט אז ער האט האבין זיי איהם געבעטען אז ער זאל זיי לייהען די לולקע פאר זייער רבינ'ס וועגען. האט ער זיי געענטפערט איך וויל איהם אליין געבען די לולקע איך קען אייער רבין איך האב איהם שוין עטליכע מאהל געזעהן. דער שלאחשיטש איז מיט זיי געגאנגען און איז צו געקומען צום בע"ש און האט ארויס גענומען די לולקע און האט אריין געלייגט טאבאק און האט געמאכט פייער און דער בע"ש האט גערייכערט די לולקע ביי דעם רייכערן האט איהם דער בע"ש גיפרעגט צי די תביאה איז געראטהען צי זי איז שוין געוואקסען און ווי אזוי זי איז ביי דעם מליצען צי זי גיט ארויס אסך זארנעס די תלמודים האבין זיך ניט אומגעקוקט אויף דעם שלאחשיטש זיי האבין זיך דער וויל געחזרת די דברי תורה וואס דער בע"ש האט זיי געזאגט. דער בע"ש האט אב גערייכערט די לולקע און האט זי צוריק געגעבען דער שלאחשיטש און דער שלאחשיטש איז זיך אוועק געגאנגען האט דער בע"ש געזאגט צו זיינע תלמידים אז יעצט האב איך מקיים געוועזען די הבטחה וואס איך האב אייך צו געזאגט אז איך וועל אייך ווייזען אליהו הנביא ז"ל האב איך איהם אייך געוויזען. האבין זיי איהם גיפרעגט פאר וואס האט איהר אונז ניט געזאגט אז דאס איז אליהו וואלטען מיר איהם געוועזען עפיס גיפרעגט מיר וואלטען זיך ביי איהם געוועזען וואס אויס געלערענט? האט זיי דער בע"ש געענטפערט ווען איהר זאלט געוועזען אליין פערשטעהן און מיך פרעגען איהם און די אויגען ווער ער איז וואלט איך אייך געוועזען געזאגט און וואלט איהם געוועזען גיפרעגט אייך און די אויגען וואס איהר וואלט נאר געוועזען פערלאנגט אבער אז איהר האט אליין ניט פערשטאנען צו פרעגען ווער ער איז האב איך ניט געהאט קיין רשות מגלה צו זיין מיר זאלען זוכה זיין אליהו זאל שוין צו אונז קומען מיט א בשורה טובה במהרה בימינו אמן:

# אַ ווינדערליכע מַעֲשֶׂה פון בעש"ט זי"ע.

**אין** מעזיבוז האָט געוואָהנט אַיוד אַ תלמוד חכם אַ ירא שמים ער איז יומם ולילה געזעסען און געלערענט. ער איז אָבער געוועזען אַגרויסער אָרימאַן ער האָט זיך דערנערט וואָס עמיצער פלעגט איהם אַמאָהל עפּיס צו שענקען פון דעם האָט ער מיט זיין בני בית געלעבט. זיין ווייב איז אויך געוועזען אַ צדיקת און זי האָט איהם ניט מצער געוועזען כדי ער זאָל קענען זיצען און לערנען זיינע טעכטער זענען אָבער דערוואַקסען געוואָרען ער האָט זיי בעדאָרפען חתונה מאַכין האָט זי צו איהם געזאָגט אמת מיר פערלאָזען זיך אויף גאָט ער וועט אינז העלפין אָבער וואס זאלען מיר טוהן מיט אינזערע קינדער מען דאַרף דאך זיי חתונה מאַכין און מיר האבען גאר ניט. דער מאַן האט איהר געענטפערט וואס זאל איך טוהן גאט האט נאך ניט געשיקט זיין הילף מסתמא וועט ער שיקען. זיין ווייב האָט אָבער געגלייבט און בעש"ט און ער איז געוועזען אַ מתנגד. האָט זי איהם געזאָגט פאָלג מיך פיעל מענשען ווערען ביי איהם געהאָלפען געה אַריין צום בע"ש ער זאָל אויף אונז מתפלל זיין און וואָס ער וועט דיר זאָגען אַזוי וועסטו טוהן:

**דער** יוד איז געגאַנגען צום בע"ש און האָט איהם דערציילט זיין ביטערע לאַגע. האָט איהם דער בע"ש געהייסען פאָהרען קיין קאָזמיר און דאָרט זאָל ער זיך פרעגען אויף אַ בעל מלאכה און ער האָט איהם געזאָגט ווי אַזוי ער הייסט און ער זאָל זיך גוט נאָך פרעגען אויף איהם און פון דאָרט וועט ער שוין אַהיים קומען צו פרידען. דער יוד איז געגאַנגען קיין קאָזמיר צו פיס ביז ער איז געקומען קיין קאָזמיר. דער שטייגער איז אַז אַ אומבעקאַנטער אָרימאַן קומט און אַשטאָדט אַריין געהט ער דאָס ערשטע און בית המדרש אַריין. ער איז געגאַנגען און בית המדרש אַריין און ער האָט זיך געפרעגט אויף דעם מענש האָבען זיי איהם געענטפערט ניט אַזוי וואָס עס געפינט זיך ניט און בית המדרש נאָר עס דאַכט זיך זיי אַז אַזא מע"ש געפינט זיך ניט אין דער גאַנצער שטאָדט דער נאָמען איז ביי זיי אימבעקאַנט געוועזען. דער מענש האָט געהאַט גרויס עגמת נפש ער איז געגאַנגען אַערך פין זעכציג מייל צו פיס ער זאָל טרעפען דער מענש צים סוף געפינט ער איהם ניט. ער איז געגאַנגען אין אַ אַנדער בית המדרש אַריין אין האָט זיך געפרעגט אויף דעם מענש ער האָט אויס גירעכנט אַלע סמנים וואָס דער בע"ש האָט איהם געזאָגט ביז די זאַך איז מפורסים געוואָרען אויף דער גאַנצער שטאָדט אַז אַ פרעמדער מענש פרעגט זיך אויף אַזא אין אַזאַ מענש עס זענען צי איהם געקומען אַלטע לייט אין האָבין איהם געזאָגט צי וואָס פרעגט איהר איך אויף דעם מענש אַ רשע עס איז שוין מעהר פין זעכציג יאָהר וואָט ער לעבט שוין ניט אין די זקנים האָבין איהם געזאָגט

אַז

אז ער איז געוועזען אזא רשע אז ער האט ניט אדורך געלאזט קיין איין עבירה פון דער וועלט ער זאל זי ניט טוהן. דער יוד האט זיי ניט דער ציילט צו וואס ער פרעגט זיך אויף דעם מענש נאר די זקנים האבין אויס גירעכענט די אלע מיאוסע זאכען וואס ער פלעגט טוהן הכלל ער איז געוועזען א רשע וואס עס איז ניט דא דאס גלייכען צו איהם:

דער יוד איז נעבעך צוריק אהיים געגאנגען אהן אשום ישועה ער איז נעבעך געווען מועד פון דעם ווייטען וועג. תיכף אזוי ווי ער איז געקוממען צוריק קיין מעזיבוז איז ער גלייך אריין געגאנגען צום בע״ש כדי ער זאל וויסען די כונה פון בע״ש וואס ער האט איהם געשיקט קיין קאזמיר. ער האט דערציילט דעם בע״ש אז ער איז געוועזען אין קאזמיר און ער האט זיך גיפרעגט אויף דער מענש עס איז טאקי דארט געוועזען אזא מענש נאר שוין צוואנציג יאהר איז ער שוין טוידט און ער איז געוועזען א רשע גדול ער האט איהם דערציילט פון זיין רשעת וואס די מענשען האבין איהם פון איהם דערציילט אז ער האט ניט אבגעלאזט קיין עבירה פון דער וועלט וואס זאל ניט האבין עובר געוועזען:

האט איהם דער בעש״ט גיענטפערט די ביסט דאך א תלמיד חכם און די גלייבסט דאך אז אמענש קען אמאהל מגולגל ווערען כדי ער זאל מתקן זיין וואס ער האט פריהר קאליע געמאכט זאלסטו וויסען אז די ביסט דער גילגול פון יענעם רשע און די דארפסט מקבל זיין אלעס באהבה ווייל השי״ת טוהט אלעס באמת וביושר. ווי דער מענש האט גיהערט די רייד פון בעש״ט האט ער ממאס געוועזען בתענוגי עולם הזה און איז גיזעסען יומם ולילה און גילערענט מיט גרויס התמדה און איז געווארען פון בעל שם׳ס תלמידים זי״ע ועכי״א

# א וואונדערליכע מעשה פון בעש״ט הקדוש זצ״ל.

דער בעש״ט איידער ער איז נתגלה געווארען פלעגט ער זיך בעהאלטען און וועלדער כדי עס זאל איהם קיינער ניט שטערען צו זיין עבודה צום מעהרסטען פלעגט ער זיין צווישען קיטוב און קאסוב צווישען גרויסע בערג און דארט האט ער געהאט א מערה וואס ער פלעגט זיך דארט בעהאלטען און ער האט דארט געהאט א מקוה וואס פלעגט זיך דארט טובל זיין די מקוה איז נאך דא היינט יעדער איינער זעהט זי:

דער

דער בעש״ט האָט אָהנגעהויבען נתגלה ווערען ער האָט אָהנגעהויבען צו ווייזען נפלאות און צו זיין אַ פועל ישועות כדי ער זאָל מושך זיין די יודען לעבודת הבורא ער האָט שוין אָהנגעהויבען מפורסים ווערען. און דער זעלבער צייט איז געוועזען און דער שטאָדט העליטש אַגרויסער גביר און ער האָט גיהאַט אַ בת יחידה און זי איז משוגע געוואָרען און קיין שום דאָקטער האָט איהר ניט גיקענט העלפען. האָבען מענשען מייעץ געוועזען דעם גביר ער זאָל בעטען דעם בעש״ט ער זאָל צו איהם קומען און ער זאָל איהם היילען די טאָכטער. דער גביר האָט אַזוי געטוהן און איז געפאָהרען נאָך דעם בעש״ט.

דער בעש״ט איז מיט איהם געפאָהרען קיין העליטש זייער וועג איז געוועזען דורך דער שטאָדט פיסטען און זיי האָבען דאָרט גינעכטיגט און מיטען דער נאַכט האָט זיך דערהערט אַ געוויין אַ יללה אין שטאָדט און מען האָט אויס גערופען און אַלע גאַסען יעדער מענש וואָס האָט גאָט און הארץ זאָל אויף שטעהן פון זיין געלעגער און ער זאָל מתפלל זיין צו גאָט אפשר וועט גאָט אויף אונז רחמנות האָבען. האָט דער בעשט גיפרעגט וואָס דאָס געשריי איז? האָט מען איהם דערציילט אַז דעם שר׳ס טאָכטער איז משוגע געוואָרען און די דאָקטוירים האָבען זי מייאש געוועזען האָבען די גלחים אַ עצה געגעבען דעם שר אַז ער זאָל הייסען איינזאַמלען אַלע יודען און זיי זאָלען מתפלל זיין אויף זיין טאָכטער זי זאָל געזינד ווערען און אויב זי וועט ניט געזונד ווערען דורך זייער תפלה איז אַ סימן אַז גאָט וויל ניט די יודען און דורך זיי איז דעם שר׳ס טאָכטער משוגע געוואָרען. ווער ווייסט וואָס עס קען זיין אויב זי וועט ניט געזינד ווערין וואָס פאַר אַ גזירה ער וועט גוזר זיין אויף די יודען:

האָט דער בעש״ט געזאָגט געהט זאָגט דעם שר אַז עס איז געקומען אַ חכם פון די יודען און ער זאָגט אַז ער וועט זי היילען די יודען זענען געגאַנגען צום שר און האָבען איהם דאָס געזאָגט. דער שר האָט געהייסען דעם בעש״ט קומען. דער בעש״ט איז געגאַנגען צום שר און געהייסען אַז עס זאָל יעדער אַרויס געהן פון דער שטיב וואָס דעם שר׳ס טאָכטער ליגט און מען זאָל אַרויס נעמען אַלע בילדער פון שטיב און האָט זי גיהייסען בינדען און מען זאָל זי לייגען אויף דער לינקער זייט וועט ער אַריין געהן זי היילין מען האָט אַזוי געטוהן ווי ער האָט געהייסען:

האָט זיך בעהאַלטען אַגלח און דער שטיב כדי ער זאָל זעהן וואָס ער וועט טוהן אַזוי ווי דער בעש״ט איז אַריין געקומען און שטיב אַריין האָט ער געזאָגט עס איז נאָך דאָ אַ מענש און שטיב נעמט איהם אַרויס. מען האָט גוט געזוכט מען דאָט דעס גלח געפינען ער האָט געמוזט אַרויס געהן דער בעש״ט האָט אַרויס גענימען אַ פאַטשיילע פון קעשינע און האָט זיך פערבינדען די האָר פון קאָפּ און פון דער באָרד מען זאָל ניט אַרויס זעהן קיין

הער

האר און איז צו געגאנגען צו איהר און האט איהר איינגערוימט עטליכע ווערטער און אויער אריין און ער איז ארויס געגאנגען און האט געזאגט מען קען זי שוין אויפבינדען זי איז שוין געזינד און עס איז אזוי געוועזען:

דער בע"ש איז פון דארט אוועק געפאהרען קיין העליטש מיט דעם גביר. האט דער בע"ש זיך מיישב געוועזען איך דארף דא ניט דוחק את השעה זיין זי זאל געהיילט ווערען אין איין רגע דארט ביי דעם שר איז דאך געוועזען א צרת רבים האב איך געמוזט אין איין רגע זי היילען אבער דא איז עס ניט אזוי נויטיג איך זאל דארפען משמש זיין בשמות הקדושים. און ער האט געהייסען אריין ברענגען די משוגענע דארט ווי ער האט געדאוונט כדי זי זאל הערען הייליגע ווערטער און אויך זי זאל הערען קריאת התורה וועט פון איהר אוועק געהן אלעס שלעכטס. דער בע"ש איז דארט געוועזען לערך פיער וואכין און דער גביר'ס טאכטער איז געזינד געווארען:

דאמאלסט ווען דער בע"ש איז געוועזען אין העליטש איז דארט געוועזען א רב ער האט געהייסען ר' זאב ער איז געוועזען א גרויסער תלמיד חכם ער האט גיט נאך געקוקט דעם בע"ש כדי ער זאל וויסען וואס ער איז. ערב שבת פלעגט דער בע"ש זיך שטעלען דאווינען מנחה פאר דעם עמוד עטליכע שעה פאר מנחה אזוי ווי עס איז אונז ידיעה אז אין דער צייט פלעגט ער מתקן זיין נשמות ער פלעגט שטעהן שמונה עשרה פיער שעה דער רב האט די זאך זייער פערדראסען פאר וואס ער שטייט אזוי לאנג שמונה עשרה האט ער ביי זיך גיטראכט ווער ווייסט וואס ער טהוט יעצט איז ער צו געגאנגען און האט אויף געהויבען דעם בעל שם'ס טלית און האט אהנגעקוקט דעם בע"ש איז ער אנידער געפאלען חלשות מען האט געמוזט ברענגען א דאקטור ער זאל איהם דער מינטערין און איז שלאף געוועזען דריי חדשים און ער האט דערציילט אז בשעת ער האט אהנגעקוקט דעם בע"ש אזוי ווי ער איז געוועזען אשעהנער מענש אזוי האט ער איהם יעצט געזעהן ווי זיין פנים איז געוועזען ווייס אזוי ווי א מת און זיינע אויגען האבען ארויס געשטארט און עס האט פון זיי געריננען טרערען און איז געשטאנען גלייך אהן אשום תנועה איז אויף איהם געפאלען אפחד און איז פערחלשת געווארען און ער איז געווארען נכנע צום בע"ש וויל ער האט געזעהן אז ער איז א איש קדוש ונורא זי"ע ועכי"א: